STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05065

FUN VOS EYNER LEBT

Simon Dickstein

Permanent preservation of this book was made possible by Peter & Deborah Wexler

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

פערלאג „די וועלט".

ס. דיקשטיין.

פון וואס איינער לעבט

פרייז 5 קאפ.

Кто чѣмъ живетъ

Дикштейнъ.

Варшава, 1906.

Типографія И. Эдельштейна и Ко. Варшава, Налевки, 38.

Дозволено цензурою. Вильна, 25 Января 1906 г.

פאָררעדע.

אין ענגלאַנד, אין דעם רייכען ענגלאַנד, האָט אַמאָל געוואוינט אַ רייכער מאַן, וועלכער האָט זיך גערופען שמואל סמאַילס. ער איז געווען גענוג רייך און האָט ניט געהאַט וואָס צו טהון, האָט ער געשריבען ביכער. דאָס גרעסטע פון אַלע זיינע ביכער, וועלכע ער האָט אויפגעשריבען, דאָס גרעסטע פון זיי, איז דאָס בוך „זעלבסטהילפע“. דיעזעס בוך איז אַזוי געפעלען געוואָרען, אַז מען האָט עס שוין אַרויסגעגעבען מעהר ווי 29 מאָל. מען האָט עס איבערזעצט אויף אַלע שפּראַכען און געלויבט ביז'ן הימעל. וואָס־זשע, מיינט איהר, איז אַזוינס געשריבען אין דעם בוך „זעלבסטהילפע“, וואָס האָט געמאַכט אַזאַ גערודער אין דער וועלט?

אין דעם בוך דערצעהלט זיך, ווי אייניגע אָרימע-לייט זענען מיט'ן אייגענעם שכל און מיט אייגענע פראַצע מיליאָנערען געוואָרען.

ווי אַן אָרימאַן איז אַ מיליאָנער געוואָרען, און נאָך פון אייגענער פראַצע דערצו! ניין, דאָס גלויבט זיך אונז ניט.

מיר, מיינע פריינד, גלויבט זיך דאָס אויך ניט, און איך מיין אַפילו, אַז עס איז עטוואָס ניט אַזוי ריכטיג אין סמאַילס בוך, אַז אַ קליין ביסעלע מוז דאָרט אַפילו ליגען זיין. נאָר פאַר וואָס האָט מען עס דאָך אַזוי געלויבט אין ענגלאַנד, אַזוי פיעל געדרוקט און פערקויפט, אַזוי פיעל איבערזעצט אויף אַלע לשונות?

אָ, דאָס, זעהט איהר, איז טאַקי אַ קשיא; נאָר אויף יעדע קשיא איז דאָ אַ תירוץ.

האָטש מען זאָגט, אַז ענגלאַנד איז די רייכסטע מדינה פון דער גאַנצער וועלט, נאָר פון דעסטוועגען איז אין ענגלאַנד דעם אַרבייטער אויך אַזוי אייננ, שווער און ביטער, ווי אין אַלע אַנדערע לענדער. הונדערטע, טויזענדע אַרבייטער שטאַרבען דאָרט אויך אַזוי פאַר קעלט און הונגער, גלייך ווי אין וואַרשוי, מאָסקווע, קיעוו, קראַקוי. דעריבער האָט איהר זיך ניט וואָס צו וואונדערען,

אַז אויך אין ענגלאַנד בעקלאָגען זיך אַרבייטער אויף זייער שיקזאַל, ראַטעוועוען זיך, ווילען דורכאויס צרויסקריכען פון זייער אָרעמען, אונגליקליכען לעבען, און דאָס ניט איינער פון זיי זאָגט צו זיך אַליין: ניין, אַזוי דאַרף ניט זיין, מען מוז אַלעס איבערמאַכען".

„אַלעס איבערמאַכען? באַלד וועלען מיר דיר לאָזען!", טראַכטען זיך די רייכע ענגלענדער, פאַר וועלכע עס איז איצט אויך גאַנץ גוט אויף דער וועלט. אָט דיעזע גבירים הויבען אָן איינצורעדען דעם אַרבייטער, אַז עס איז גאָר ניט אַזוי שלעכט, און אַז אויב איינינע אַרבייטער שטאַרבען פון הונגער, זענען זיי געוויס געוועזען פוילע, טרינקער. „ווער עס וויל האָרעווען" — זאָגען זיי — „דעם וועט קיין זאַך ניט פעהלען, לאָז ער נאָר טראַכטען פאַר זיך; יעדער קען רייך ווערען פון זיין איינענער פראַצע".

אַזוי זאָגען צוזאַמען מיט דעם בוך „זעלבסטהילפע" אַלע גבירים.

אָט אין דעם ביכעלע וויל איך טאַקי מיט אייך, לעזער, בעטראַכטען, אויב עס איז אמת, וואָס די גבירים זאָגען, אַז יעדער לעבט פון זיין אייגענע פראַצע, אַז מען קען פון אייגענע פראַצע אַלעס ערווייבען.

פון וואס איינער לעבט.

I.

„יעדער מענש לעבט פון זיין אייגענער פראצע“. נישט אמת?

צום אנהויב דאכט זיך טאקי, אז דאס איז אמת, ווארום מען שרייבט דאך דערפון אזוי פיעל אין די צייטונגען, אין ביכער; אפילו פון מגיד אין שול האבען מיר עס נישט איין מאל געהערט. און ווייטער איז דאך, דאכט זיך, טאקי ריכטיג, אז דער שוסטער לעבט פון זיין שוסטעריי, דער שניידער פון זיין שניידעריי, דער לעהרער פון זיין לעהרעריי, דער פאבריקאנט, אפילו, ער ארבייט דאך אויך,— ניט מיט די הענד, איז מיט'ן קאפף.

איהר וועט זיך געוויס וואונדערן, ווען איך וועל אייך זאגען, אז עס איז נישט ריכטיג. קיין שום מענש לעבט נישט פון זיין אייגענער פראצע, נישט נאר די שררות און די רייכע לייט, נישט נאר די פאבריקאנטען מיט די סוחרים, נאר אפילו דער גרעסטער טהייל פון די ארבייטסלייט, די האנדווערקער, לעבען אויך נישט פון זייער אייגענער פראצע.—

ווען, למשל, דער שוסטער וואלט ניט נאר שטיוועל געמאכט, נאר ער וואלט נאך געהאט א שטיקעל ערד, וואלט זייהען קארן, ווייץ, קארטאפעל און שאר ירקות, וואלט אליין געוועבט און געמאכט זיך קליידער, מיט איין ווארט, ווען ער וואלט אליין ביי זיך אין הויז, געמאכט פאר זיך אלעס, וואס ער דארף האבען, דאמאלס וואלטען מיר געקענט זאגען, אז ער לעבט טאקי פון זיין אייגענער פראצע. און אמאל איז טאקי אזוי געוועזן.

אבער היינט, ווייסט איהר, איז די וועלט גאר אנדערש געווארען. די האנדווערקער האבען נישט זייער פעלד, און דער שוסטער, למשל, קען נאר מאכען שטיוועל און ניט מעהר ווי שטיוועל.

אָבער ער קען זיינע שיך ניט עסען, קען זיך מיט זיי ניט צודעקען, קען אויף זיי ניט שלאָפען.

דאס זעלביגע קענען מיר זאָגען פון שניידער, פון סטאָליאר, פון מוליאר. דער שניידער קען זיך ניט אָנעסען און אָנטרינקען מיט זיינע רעק און הויזען, דער ציגעל-ברענער קען זיך נישט מאַכען קיין מיטאָג פון זיינע ציגעל.

זעהט איהר שוין על כן, אז כמעט קיינער לעבט נישט פון זיין אייגענער פראצע. דער שוסטער לעבט פון דעם בעקער'ס, שניידער'ס, מוליאר'ס פראצע; דער שניידער לעבט פון שוסטער'ס, בעקער'ס, סטאָליאר'ס פראצע, און אזוי ווייטער. אלע מענשען לעבען נישט פון זייער אייגענער פראצע, נאר פון פרעמדער, פון דער פראצע פון אנדערע לייט. אָבער — וועט איהר זאָגען — יעדער הארעוועט דאך. אז ער וואלט ניט געהאַרעוועט, וואלט ער גאר נישט געהאט.

דאס איז טאקי אמת. און דעריבער דארף מען גאר נישט זאָגען, דאס אלע מענשען לעבען פון זייער אייגענער פראצע, נאר, דאס זיי ערנעהרען זיך פון זייער פראצע.

איך ווייס, וואס איהר קענט מיר אויף דערויף מיט געלעכטער זאָגען: ניט אמעסער, נאר אסכין, ניט לעבען, נאר ערנעהרען זיך; איז דאס ניט אלץ איינס?

ניין, ניט אלץ איינס, און איך וועל עס אייך באלד געבען צו פערשטעהן. ווען דער שוסטער, דער שניידער וואלט טאקי געלעבט פון זיין אייגענער פראצע, ווען ער וואלט, ווי דאס איז אמאל ווירקליך געווען, געהאט ביי זיך אלעס, וואס ער דארף, וואלט ער געקענט זיין רוהיג, אז ווען אפילו עס קען איהם זיין אמאל בעסער, אמאל ערגער, נאר פון הונגער וועט ער נישט שטארבען און אז ער וועט זיך אלע מאל ארויסקומען אויף דאס זייניגע. עס איז אָבער איצט גאר אנדערש. דער שוסטער מאכט נאר שטיוועל. ער מאכט אן וואס מעהר און וויל זיי דערנאך פערקויפען ווי יעדער סחורה. אויב ער וועט געפינען א סוחר, איז גוט: ער וועט פערקויפען די שטיוועל און וועט קענען קויפען דאס, וואס ער דארף האבען. אָבער, אויב ער וועט נישט פערקויפען? אויב מען וועט זאָגען, אז עס איז שוין דא גענוג שטיוועל, אויב סוחרים וועלען נישט קומען

צו איהם אין קראם? וואס וועט ער דאמאלס טהון? וועט ער דאן מאכען פון זיינע שטיוועל א מיטאג פאר זיינע קינדער?

זעהט איהר שוין, אז ערנעהרען זיך פון אייגענער פראצע און לעבען פון אייגענער פראצע — איז גאר ניט אליך איינס.

ווי לאנג מענשען פלעגען מאכען פאר זיך, ביי זיך צו הויז אליך, וואס זיי האבען געדארפט, ווי לאנג זיי פלעגען נישט פערקויפען, אדער ווענינ פערקויפען דאס, וואס זיי פלעגען מאכען, אזוי לאנג האט מען געקענט זאגען, אז זיי לעבען פון זייער אייגענער פראצע — נאר פון דער צייט אן, וואס מענשען האבען אנגעהויבען צו מאכען אליך מעהר אויף צום פערקויפען, האבען אנגעהויבען אליך מעהר צו פערקויפען שטיוועל, שלעסער, טישען, קליידער, ד. ה. איבערהויפט פערשיעדענע סחורות, האבען זיי אנגעהויבען וועניגער ביי זיך צו הויז פאר זיך צו ארבייטען און מעהרערע פאר אנדערע. און עס קומט שוין איצט אויס, אז דער ווארשאווער שוסטער מאכט שטיוועל פאר'ן רוסישען האנדווערקער, דער ענגלישער ארבייטער מאכט טשוועקעס פאר'ן ווארשאווער שוסטער, און דער אמעריקאנישער קאלאניסט מאכט ברויט פאר'ן ענגלישען ארבייטער.

פון דער צייט, אלזא, וואס עס איז געווארען אויף דער וועלט אליך מעהר סחורות, מאכט קיינער נישט פאר זיך, נאר אלע מאכען פאר אנדערע; קיינער לעבט נישט פון זיין אייגענער פראצע, נאר פון פרעמדע פראצע, פון דער פראצע פון אנדערע מענשען.

II.

נו, גוט, — קיינער לעבט ניט פון אייגענער פראצע, נאר יעדער ערנעהרט זיך פון איהר — דאס מוז דאך שוין געוויס זיין אמת?

מען וואלט געקענט אסך דעריבער ריידען, נאר איידער מיר וועלען זיך איננאנצען דורכריידען, מוזען מיר מודה זיין, אז אין דעם זאגען, דאס יעדער ערנעהרט זיך פון זיין פראצע, — איז שוין דא פיעל ריכטיגעס.

יעדער ערנעהרט זיך פון ארבייט. פאר וואס פון ארבייט? ווייל, למשל, ווען איינער וויל פערקויפען א זאך, וואס ער האט

אויסגעאַרבייט: שטיוועל, אַ ראָק, אַ גלאָז, אָדער אַ מעסער, וועט מען איהם אַלע מאָל בעצאָהלען דערפאַר אַזוי פיעל, וויפיעל עס איז ווערט זיין פּראַצע, וואָס ער האָט פערבראַכט, אום די זאַך צו מאַכען.

למשל, אַ שוסטער האָט געאַרבייט אַ גאַנצען טאָג איבער זיינע שטיוועל און בעקומט דערנאָך פאַר די שטיוועל 10 איילען ליינוואַנד, דאָס איז אַלץ אין דער אָרדנונג: ער האָט געהאָרעוועט, האָט ער דערפאַר ליינוואַנד.

אָבער לאָמיר זיך אויף איין מינוט פאָרשטעלען, אַז עס איז דאָ אויף דער וועלט אַזאַ גליקליכע מדינה, אין וועלכע שטיוועל פאַלען אַראָב פון הימעל גלייך מיט'ן רעגען. ווי מיינט איהר, אַ סך וואָלט מען געצאָהלט דעם שוסטער פאַר זיינע שטיוועל? געוויס גאָר נישט. אַלע וואָלטען געזאָגט, אַז פאַר די שטיוועל לוינט זיך גאָר נישט צו צאָהלען, אַז זיי קאָסטען גאָר קיין שום פּראַצע נישט.

אויך ביי אונז, האָטש שטיוועל וואַקסען נישט אויף קיין בוימער, איז דאָ אַ סך זאַכען, פאַר וועלכע מען צאָהלט גאָר נישט, ווייל זיי קאָסטען קיין שום פּראַצע נישט. פאַר וואַסער אין קוואַל, שוואָמען אין וואַלד, פאַר זאַמד אין טייך צאָהלט מען גאָר נישט, ווייל זיי ענטהאַלטען נישט קיין שום פּראַצע.

אָבער אין שטאָדט דאַרף מען שוין פאַר וואַסער בעצאָהלען. פאַר וואָס? ווייל דאָ דאַרף מען שוין בעצאָהלען דעם וואַסער־טרעגער פאַר זיין פּראַצע ביי'ם טראָגען וואַסער. יאַגדעס אין וואַלד קאָסטען גאָר נישט, אין שטאָדט אָבער בעצאָהלט מען שוין פאַר זיי, ווייל דאָס קלייבען איז אַ פּראַצע.

און מיט יעדען האַנדווערקער, מיט דעם שניידער, שוסטער, בעקער איז עס אַלע מאָל אַזוי, אַז ווען מען צאָהלט זיי פאַר זייערע שטיוועל, הויזען, אָדער ברויט, בעצאָהלט מען עס אייגענטליך פאַר די פּראַצע, וואָס ליגט אין די שטיוועל, אין די הויזען, אין דעם ברויט.

ווען, אום צו מאַכען אַ לאַבען ברויט, דאַרף מען פערברויכען איין שעה פּראַצע, און אום צו מאַכען אַ פּאָר שטיוועל, דאַרף מען פערברויכען 10 שעה פּראַצע, וועלען די שטיוועל זיין 10 מאָל טייערער ווי דער ברויט, וועט מען פאַר איין פּאָר שטיוועל קענען בעקומען 10 לעבלעך ברויט, וואָרום די פּראַצע, וואָס ליגט אין די שטיוועל, אָדער ווי מען זאָגט אַנדערש, דער ווערטה פון די

שטיוועל איז 10 מאָל גרעסער פֿון דער פּראַצע (אָדער פֿון דעם ווערטה), וואָס ליגט אין דעם לאַבען ברוט*).

ווען פֿאַר אַנ'אייל טוך צאָהלט מען אַ דוקאַט**), איז עס דערפֿאַר, ווייל צו מאַכען די אייל טוך (אויסצוהאָדעווען שעפּסען, שערען די וואָל, מאַכען טוך), דאַרף מען האָבען, למשל, 36 שעה פּראַצע, און אויף צו מאַכען דעם דוקאַט (אויס צו זוכען גאָלד, גראָבען פֿון דער ערד, שמעלצען), דאַרף מען אויך האָבען 36 שעה. פֿאַר אַנ'אייל פּערקאַל צאָהלען מיר נאָר אַ גילדען, ווייל, אום זי צו מאַכען (זייהען און שניידען פֿלאַכס, אויסוועבען, אָבפֿאַרבען), דאַרף מען 36 מאָל וועניגער פּראַצע, ד. ה. נאָר איין שעה.

על כן זעהט איהר, אַז דער שוסטער, שניידער, סטאָליאַר, שלאָסער, איבערהויפּט אַרבייטער, ערנעהרען זיך פֿון זייער פּראַצע. זיי מאַכען אויס פֿערשיעדענע סחורות, כראָגען זיי אַרויס ווי סחורות אויפ'ן מאַרק צו פֿערקויפֿען, און דאָרטען בעצאָהלט מען פֿאַר די סחורות פּונקט אַזוי פֿיעל, וויפֿיעל זיי האָבען געהאַט אין זייער פּראַצע.—

III.

אַזוי זעהען מיר, אַז וואָס מעהר דער האַנדווערקער האָרעוועט, וואָס מעהר פּראַצע ער לייגט אַריין אין דער סחורה, דאָס מעהר ווערטה בעקומט זיין סחורה, דאָס מעהר געלד וועט ער בעקומען פֿאַר איהר ביים פֿערקויפֿען.

איצט וואָלט איהר מיר געקענט זאָגען: אָט זעהסט דו, דו האָסט גערעדט אַזוי פֿיעל שלעכטס איבער'ן בוך „זעלבסטהילפֿע" און איצט זאָגסט דו אַליין דאָס זעלבע, וואָס דער, אַז וואָס מעהר איינער האָרעוועט, פֿערדיענט ער מעהר.

---

*) ווען מען וואָלט אייך געפֿרעגט, וואָס איז עס דער ווערט פֿון אַ גלאָז, פֿון אַ שטיוועל, פֿון אַ קלייד וואָלט איהר לייכט געקענט ענטפֿערען, אַז דער ווערט איז די פּראַצע, וועלכע איז אַריינגעלייגט אין דעם גלאָז, אין שטיוועל אָדער אין קלייד.

**) אַ דוקאַט האָט 36 גילדען, איין גילדען איז 15 קאָפּ. 100 קאָפּ. איז איין רובל.

נאָר וואַרט אַ ווײַלע, ניט אײַער מוסר און הערט מיך אויס ווײַטער.

איך האָב אײַך געזאָגט, אַז וואָס מעהר פּראַצע אַ האַנדוועֶרקער לייגט אַרײַן אין זײַן סחורה, דאָס מעהר געלד וועט ער פֿאַר איהר בעקומען. פֿאַר אַ שענע, עלעגאַנטע פּאָר שטיוועל מיט צווייעדיגע פּאָדעשווען וועט דער שוסטער מעהר בעקומען, ווי פֿאַר אַ פּאָרטאַצקע אַרבייט.

דאָס איז ריכטיג, אָבער כּדי אונזער שוסטער זאָל קענען מאַכען און אויסאַרבייטען זײַנע שטיוועל, דאַרף ער האָבען לעדער, ווערקצייגע, אַ וואַרשטאַט, און דאָס אַלעס קאָסט געלד. דער שלאָסער ווען ער וויל מאַכען שלעסער, מוז ער זיך אויך דינגען אַ וואַרשטאַט, קויפֿען ווערקצייגע, און מוז אויך לעבען אַ געוויסע צײַט ביז ער וועט פֿערקויפען זײַנע שלעסער, און אויף דאָס אַלעס דאַרף מען אויך האָבען געלד. האָט ער געלד, איז איהם אַלץ גאָר נישט, מאַכט ער זיך אַ וואַרשטאַט, אַרבייטעט אויס סחורות און פֿערקויפט זיי דערנאָך נאָך זייער ווערדע נאָך, נאָך דער פּראַצע, וואָס איז אין זיי אַרײַנגעלייגט.

ווי אָבער, אַז איינער האָט ניט קיין געלד? אַז ער קען זיך נישט מאַכען קיין וואַרשטאַט? אַז ער קען נישט אויסאַרבייטען קיין שום סחורות, וואָרום ער קען נישט קויפֿען ניט קיין מאַטעריאַל, ניט קיין ווערקצייגע? וואָס וועט דאַמאָלס זײַן, ווען דער מענש האָט ניט קיין אייגענע געלד און קען ניט האָפֿען אויף קיין הילפֿע פֿון קיינעם? איהר פֿערשטעהט, אַז האָטש ער האָט קיין געלד ניט, פֿון דעסטוועגען וויל ער אויך עסען און טרינקען, מוז האָבען אַ קלייד און אַ וואָהנונג. וואָס־זשע זאָל ער טהון? איצט איז אַזאַ וועלט, אַז, אום עטוואָס צו קויפֿען, עסען אָדער קליידונג, מוז מען האָבען אָדער געלד, אָדער אַ סחורה צו פֿערקויפֿען. קיין געלד האָט אונזער אַרבייטער נישט, קיין סחורה קען ער נישט האָבען, וואָס־זשע זאָל ער טהון?

אַלזאָ, אום צו בלייבען לעבען, אום צו עסען, געהט ער זיך פֿערקויפֿען, ווערט אַ טאָגלוינער, אַ קנעכט, געהט אַרבייטען פֿאַר לײַטען. „וואָס עפּעס פֿערקויפֿען? וואָס עפּעס זײַן אַ קנעכט? אַרבייטען אין פֿאַבריק אָדער בײַ'ם מײַסטער הייסט דאָך נאָך נישט זײַן אַ קנעכט? די אַרבייטער בײַ'ם מײַסטער זענען דאָך אַלץ פֿרײַע

לייט, זיי אַרבייטען ביי וועמען זיי ווילען, און קיינער האָט נישט קיין רעכט זיי צו צווינגען, צו נויטען".

נאָר מיר ווייסען, וואָס פאַר אַ פרייהייט דאָס איז. מיר ווייסען, ווי די אַרבייטער ווערען אויסגעריסען ביי'ם מייסטער, ווי זיי מוזען זיך בייגען און ערניעדעריגען פאַר יעדער שרייבערעל אין פאַבריק. צי סמייען זיי אַ הויך קול צו געבען, ענטפערען מיט גראָבקייט אויף גראָבקייט? צי וועלען זיי זיך אָברופען, ווען דער פאַבריקאַנט פערקלענערט זיי דאָס געצאָהלט, אָדער ווען ער רייסט זיי אָב אַ פּאָר גראָשען פון דאָס, וואָס זיי האָבען פערדיענט דורך די וואָך? זיי סמייען עס קיינמאָל נישט, וואָרום זיי זענען קנעכט; זיי ווייסען, אַז אויב דער מייסטער שטעהט נישט איבער זיי מיט קיין בייטש, שטעהט הינטער זיי דער הונגער, וואָס דאָס איז נאָך פיעל ערגער פאַר דער בייטש.

דער מענש, וואָס פערקויפט זיין פּראַצע, קען נישט זיין פריי. ער מוז האָבען אַ בעל־הבית, און ער האָט איהם איבער זיך. פריי זענען נאָר די מענשען, וואָס דאַרפען זיך נישט פערקויפען. דער אַרבייטער אָבער מוז זיך פערקויפען, מוז ווערען אַ קנעכט, וואָרום ער וויל עסען, וואָרום ער האָט נישט קיין אייגענע ווערקצייגע, אום צו לעבען פאַר זיך.

IV.

„אַ קנעכט, צי נישט קיין קנעכט, דאָס געהט אונז דאָ נישט אָן", קענט איהר מיר זאָגען, „דו ענטפער אונז, צי איז עס אמת, אַז יעדער ערנעהרט זיך פון זיין אייגענער פּראַצע, צי איז עס ריכטיג, אַז מיט אייגענע פּראַצע קען מען דערגרייכען אַ רייכטהום".

וואַרט זשע אַ ווייַלע, הייַלט זיך נישט! בּיסלעכווייז וועלען מיר קומען אויך דערצו.

דו, מיין לעזער, ביסט, למשל, אַ שלאָסער, אָדער אַ סטאָליאַר, אַ שניידער, אָדער אַ שוסטער; קיין געלד האָסט דו נישט, קיין וואַרשטאַט און קיין ווערקצייגע קענסט דו זיך נישט פערשאַפען, — און דו געהסט אַרויס אויפ'ן גאַס זיך פערקויפען. דו געפינסט אַ מייסטער, אָדער אַ פאַבריקאַנט, וואָס קויפט דיך, ווי מיינסט דו.

פֿאַר וואָס קויפֿט ער דיך? פֿאַר דיינע שענע אויגען? געוויס ניט. איז אָפֿשר דערפֿאַר, וואָס ער האָט איבער דיר רחמנות, וואָס ער וויל דיר העלפֿען? דאָס ווייסט דו אויך, אַז ניט; ער האָט דיך געקויפֿט, ווייל ער ווייסט, אַז דו ביזט אַנ'אַרבייטער, אַז דו קענסט קלאַפּען מיט'ן האַמער, שניידען פּאָדעשוועס, מיט איין וואָרט, ער האָט דיך געקויפֿט דערפֿאַר, וואָס דו האָסט אַרבייטס־קראַפֿט (כח צו אַרבייטען).

ווען דער מייסטער אָדער דער פֿאַבריקאַנט קויפֿט דיך, טראַכט ער נאָר פֿון דיין כח, פֿון דיין קראַפֿט. ווען דו וואָלסט ניט געהאַט דיעזע אַרבייטס־קראַפֿט, וואָלט ער דיך אַפילו פֿאַר אומזיסט ניט צוגענומען. איהם איז נאָר דיין כח זעהר נוטיג און זאָגאַר פֿיעל ניטצליך, די פֿראַגע איז נאָר, וויפֿיעל זאָל ער בעצאָהלען פֿאַר דיין כח צום אַרבייטען.

איהר האָט שוין געזעהן, אַז עס איז גאָר קיין קונץ נישט צו בערעכענען, וויפֿיעל עס דאַרף קאָסטען אַ גלאָז, אַ שטיוועל, אַ העמד: בערעכענט פּראָסט, וויפֿיעל שעה האָט פֿערנומען די אַרבייט איבער זיי. למשל, צו מאַכען אַ גלאָז דאַרף מען האָבען אַ האַלבע שעה אַרבייט, צו מאַכען שטיוועל — 20 שעה. ווייטער למשל, אַז אין אונזערע מקומות צאָהלט מען געוועהנליך פֿאַר איין שעה פּראַצע אַ גילדען (אָדער, אַז אין גילדען ליגט אויך איין שעה פּראַצע) — איצט איז גאָר נישט שווער צו טרעפֿען, וויפֿיעל קאָסט אַ גלאָז: אַ האַלבע שעה פּראַצע, אָדער אַ האַלבען גילדען; שטיוועל קאָסטען 20 שעה פּראַצע, אָדער 20 גילדען, אַ טעלער — אַ שעה פּראַצע, אָדער איין גילדען, אָבער, ווי זאָל מען בערעכענען, וויפֿיעל קאָסט אַ מענש, וויפֿיעל זאָל מען בעצאָהלען פֿאַר זיין קראַפֿט? מעג מען נאָר שאַצען אַ מענש ווי סחורה?

צי מען מעג, צי מען טאָר נישט — דאָס איז אַנ'אַנדערע קשיא; ווי די מעשה איז, עס איז פֿאָרט אַזוי: מען שאַצט דעם כח פֿון מענש ווי אַ סחורה. למשל, כ'ען קויפֿט אַנ'אַרבייטער, הייסט דאָס זיין אַרבייטס־קראַפֿט אויף איין טאָג. ווייטער למשל, אַז דער אַרבייטער אום ער זאָל קענען לעבען און אַרבייטען, ער זאָל קענען ערפֿרישען זיין אַרבייטס־קראַפֿט, מוז ער זיין אַ בעל־הוצאה 6 גילדען טעגליך, אָדער, (אויב אַ גילדען האָט דעם זעלבען ווערט, ווי אַ שעה פּראַצע) 6 שעה. אויב נאָך אַנ'אָבגעהאַרעוועטען טאָג וויל

ער האָרעוועט ווייטער, איז, אום צו ערפֿרישען זיינע כחות, אום אויף דאָס נייע זיך ארבייטס־קראַפֿט צו פֿערשאַפֿען, מוז ער אויסגעבען 6 גילדען (אויף עסען, קליידער, וואָהנונג א. ז. וו.). קענען מיר אַלזאָ זאָגען, אַז די ערפֿרישונג פֿון זיין אַרבייטס־קראַפֿט בעטרעפֿט 6 שעה פּראַצע*). דער פֿאַבריקאַנט ווייסט עס גאַנץ גוט, אַז די אַרבייטס־קראַפֿט איז ווערט 6 שעה פּראַצע, ד. ה. אַזוי פֿיעל, ווי 6 טעלער, אָדער 12 גלעזער, און ער בעצאָהלט זיין אַרבייטער פֿאַר זיין כח, ווי פֿאַר אַ סחורה, 6 גילדען

דער אַרבייטער בעקומט אַלזאָ פֿאַר זיין אַר־ בייטס־קראַפֿט פּונקט אַזוי פֿיעל, וויפֿיעל ער מוז האָ־ בען, אום צו לעבען, אום פֿון הונגער נישט צו שטאַר־ בען.

איצט לאָמיר זיך אַזאַ זאַך פֿאָרשטעלען.

איינער פֿערלעגט אַ פֿאַבריק, וועלכע מאַכט פֿון פֿלאַקס פֿאָ־ דעם. פֿלאַקס האָט ער למשל, געקויפֿט אויף 14,000 גילדען, מאַ־ שינען האָט ער געקויפֿט אויף 800 גילדען, 240 גילדען האָט ער פֿערבראַכט אויף קוילען צו דער פּאַראָווער מאַשין, אויף גאַזע און אַנדערע הוצאות, און לאָזט זיך זיין מאַשינע ריהרען. זעהען מיר, אַז ער האָט אויף דעם פֿערלאַג פֿון זיין פֿאַבריק אויסגעגעבען 15,040 גילדען.

ווי מיינט איהר, צו וואָס לאָזט ער זיין פֿאַבריק אַרבייטען? פֿערשטעהט זיך, ווייל ער וויל פֿערקויפֿען זיינע פֿאָדעם טהייערער, ווי ער האָט בעצאָהלט פֿאַר די פֿלאַקס, מאַשינען, גאַזע: אין אמת'ן, ווען ער וועט צום סוף אַרויסקריגען פֿון די פֿלאַקס פֿאָדעם, וועט ער וועלען בעקומען מעהר ווי 15,040 גילדען, למשל, 20,000 ג.

אָבער, צי וועט מען איהם געבען?

ווען עס וואָלט זיך געקי'נט טרעפֿען אַזאַ נס, אַז די מאַשינען זאָלען וועבען פֿאָדעם אָהן דעם אַרבייטערס הילפֿע, און ווען אונזער פֿאַבריקאַנט וואָלט געבראַכט צום סוחר זיינע פֿאָדעם און וואָלט גע־ בעטען 20,000 גילדען, וואָלט איהם דער סוחר פּראָסט געענטפֿערט:

---

*) לאָמיר־זשע געדיינקען, אַז דער ווערט פֿון דער אַרבייטס־קראַפֿט בעטרעפֿט אַזוי פֿיל שעה פּראַצע, וויפֿיל מען ברויכט אויף צו ערנעהרען דעם אַרבייטער.

אין דיינע פאדעם איז פריהער ווי אלץ דא דער ווערטה פון די פלאקס, ד. ה. 14,000 גילדען, אדער 14,000 שעה פראצע; דער־נאך דער ווערטה פון די מאשינען, ד. ה. 800 גילדען, אדער 800 שעה פראצע, דערנאך דער ווערטה פון די קוילען, גאזע און אנ־דערע הוצאות, ד. ה. 240 גילדען, אדער 240 שעה פראצע, צוזאמען 15,040 שעה פראצע. על כן זענען דיינע פאדעם ווערט 15,040 גיל־דען, קיין גראשען מעהר — קיין גראשען וועניגער, און מעהר ווי 15,040 גילדען וועל איך פאר די פאדעם ניט געבען.

צי אונזער פאבריקאנט וואלט געווען צופריעדען פון אזא אנט־ווארט — ווייסען מיר נישט, נאר ביז'ן היינטיגען טאג קענען די מא־שינען אליין ניט ארבייטען, און צום פאבריקאנטס גליק דארף מען נאך צו דער מאשין האבען אויך מענשליכע פראצע. דער פאברי־קאנט ווייסט עם אויך, ער דינגט, למשל, 100 ארבייטער און צאהלט זיי פאר זייער ארבייטס־קראפט, ווי פאר א סחורה, צו 6 גילדען טעגליך.

דער ארבייטער ווייסט, אז מען האט איהם נישט געדונגען אום צו שפיעלען זיך מיט איהם — הייסט ער די פלאקס, שפינט איהר, מיט איין ווארט, ער הארעוועט, ער דערלעהגט צו דער פלאקס זיין פראצע. נאך דער ערשטער שעה האט ער דערלעהגט צו איהר איין שעה פראצע, אדער אנדערש גערעדט, ער האט פערגרעסערט איהר ווערטה אויף איין גילדען (ווייל איין שעה פראצע האט דעם ווערטה פון א גילדען); נאך צוויי שעה האט ער פערגרעסערט איהר ווערטה אויף 2 גילדען, נאך 3 שעה — אויף 3 גילדען — און צום סוף 6 שעה פראצע האט ער דערלעהגט צו דער פלאקס 6 גילדען ווערט־שאפט, דאס הייסט פונקט אזוי פיעל, וויפיעל דער פאבריקאנט האט איהם בעצאהלט פאר זיין כח. אויף דעם אופן האט דער ארבייטער נאך 6 שעה פראצע אבגעארבייט איננאנצען זיין לוין. אזוי הארעוועט ער א גאנצע וואך, און ענדע וואך נעהמט דער פאבריקאנט די פא־דעם, ברייננט זיי אויפ'ן מארק און בעט ווידער 20,000 גילדען.

„פיעל ווילסט דו, 20,000 גילדען", זאגט דער סוחר צום פאב־ריקאנט, „דאס איז צו פיעל. מיינסט דו אפשר, אז אין די פאדעם איז טאקי דא א ווערטה פון 20,000 גילדען? ווארט א ווייל! לאמיר מאכען א רעכנונג. עם איז דא אין זיי פאר 14,000 גילדען פלאקס, פאר 800 מאשינען, פאר 240 קוילען, און אויסער דעם איז נאך דא די

מענשליכע פראצע 36 שעה (אויב מען האט געהארעוועט 6 טעג אין וואך) געדאפעלט אויף 100 [וואָרום עס זענען געווען 100 ארבייטער] אדער 3,600 שעה. אין גאנצען איז דער ווערט פון דיינע פאָדעם פארע-כענט אין שעות פראצע, — גלייך 18,640 שעה. על כן קענען מיר דיר געבען 18,640 גילדען — קיין גראשען מעהר".

„הערסטו", טראכט זיך דער פאבריקאנט, „האב איך דא גאר-ניט פערדיענט. איך האב דאך אויף באוועל און אויף אנדערע הוצאות טאקי פונקט אזוי פיעל אויסגעגעבען — 18,640 גילדען. וואו־זשע איז מיין געווינס? צו וואס־זשע האב איך געדארפט די גאנצע פאבריקא-ציאן, וואס האט זי מיר איינגעבראכט און צו וואס טויג מיר דאס גאנצע געשעפט?"

און עס וואלט טאקי קיין שום געווינס ניט געוועזן, די פאברי-קאציאן וואלט זיך טאקי ניט געלוינט, ווען דער פאבריקאנט וואלט ניט געקומען צום שכל. זיינע ארבייטער, וואס האבען נאך 6 שעה זייער לוין אבגעארבייט, הייסט ער בלייבען אין פאבריק און ווייטער ארבייטען.

„הערסטו", וואלטען געקענט זאגען די ארבייטער, „דו הייסט אונז ווייטער ארבייטען, מיר אבער האבען שוין אונזער לוין אבגע-ארבייט, מיר האבען שוין דערלעהגט צו דער באוועל אזוי פיעל ווערטה, וויפיעל עס האט געקאסט אונזער ארבייטס־קראפט".

„וואס דערצעהלט איהר מיר דא מעשיות! איך האב אייך גע-קויפט אויף א טאג און קען מיט אייך טהון דורכ'ן טאג, וואס איך וויל, שווייגט און ארבייטעט!"

און די ארבייטער, וועלכע וואל'טען געדארפט נאך די 6 שעה פראצע ארויסגעהן פון פאבריק, זיך אויסרוהען, שפאציערען אדער אר-בייטען פאר זיך, פערבלייבען ווייטער אין פאבריק און ארבייטען נאך 6 שעה. דער פאבריקאנט דערלאנגט זיי נאך באוועל, דערקויפט מא-שינען און קוילען, און זיי ארבייטען ווייטער. נאך יעדער שעה פון זייער פראצע דערלעהגען די ארבייטער צו דעם נייען באוועל א נייען ווערטה צו, און אויסער די 6 בעצאהלטע שעות פראצע, גיבט יע-דער פון זיי אוועק דעם פאבריקאנט נאך 6 שעה ניט בעצאהלטע פראצע. איין ארבייטער דערלעהגט, אויף אזא אופן, א ווערטה פון 6 גילדען; 100 ארבייטער דערלעהגען — אין איין טאג 600, און אין איין וואך — א ווערטה פון 3,600 גילדען.

וויפֿיעל וועט איצט דער פֿאַבּריקאַנט בּעקומען פֿאַר די אַנדערע העלפֿט?

ערשטענס, דעם ווערטה פֿון די נייע בּאַוועל — 14,000 שעה פּראַצע; צווייטענס, דעם ווערטה פֿון די נייע מאַשינען — 800 שעה, דעם ווערטה פֿון דער נייער מאָס קוילען און גאַזע — 240 שעה, און 3,600 שעה אַרבּייטס־פּראַצע, פֿאַר וועלכע דער פֿאַבּריקאַנט האָט דעם אַרבּייטער ניט בּעצאָהלט און וועלכע ער האָט בּעקומען פֿון זיי אומזיסט.

איצט וועט שוין דער־פֿאַבּריקאַנט מיט השק אָבּטרעטען זיינע פֿאָדעם פֿאַר'ן מקח פֿון 18,640 גילדען, וואָרום זיי האָבּען איהם געקאָסט מעהר ניט ווי 15,040 גילדען (14,000 בּאַוועל, 240 קוילען און 800 מאַשינען), איצט לוינט זיך שוין די פֿאַבּריקאַציאָן. לאָמיר איצט מאַכען אַלעצטע רעכנונג, דאָס הייסט די רעכנונג פֿון דעם אויסגעמאַכטען פֿאָדעם, בּיי וועלכען דער פֿאַבּריקאַנט בּעצאָהלט דעם אַרבּייטער פֿאַר זיין פּראַצע, צוזאַמען מיט דער רעכנונג פֿון די אויסגעמאַכטע פֿאָדעם, בּיי וועלכע דער פֿאַבּריקאַנט צאָהלט שוין די אַרבּייטער גאָר נישט און נעהמט זיך צו זייער פּראַצע אומזיסט.— אונזער פֿאַבּריקאַנט האָט אויסגעגעבּען אויף בּאַוועל צוויי מאָל צו 14,000 גילדען, ד. ה. 28,000; צוויי מאָל צו 800 אויף מאַשינען — 1,600 און צוויי מאָל צו 240 אויף קוילען און גאַז — 480 און האָט בּעצאָהלט 100 אַרבּייטער פֿאַר 6 טעג 3,600 גילדען, צוזאַמען האָט ער אויסגעגעבּען 33,680 גילדען, בּעקומען וועט ער: פֿאַר די ערשטע העלפֿט פֿאָדעם 18,640 ג. און פֿאַר די צווייטע אויך 18,640 (ווייל דער קויפֿער מיינט, אַז דער פֿאַבּריקאַנט האָט פֿאַר יעדער פּאַרטיי פֿאָדעם בּעצאָהלט די אַרבּייטער). צוזאַמען וועט ער בּעקומען 37,280 גילדען, על כן האָט אונזער פֿאַבּריקאַנט 3,680 גילדען געווינס.

און פֿון וואַנען האָט זיך גענומען דער געווינס? פֿערשטעהט זיך, אַז פֿון דעם, וואָס פֿאַר די אַרבּייט איבּער די אַנדערע העלפֿט בּאַוועל האָט ער גאָרניט בּעצאָהלט די אַרבּייטער, וואָס די אַרבּייטער האָבּען די אַנדערע העלפֿט פֿון זייער פּראַצע איהם אומזיסט אַוועקגעגעבּען, וואָס אויף 3,600 שעה בּעצאָהלטע פּראַצע האָבּען זיי דערגעבּען צו די בּאַוועל 3,600 שעה

ניט בעצאָהלטע, דערגעבֿען װערטה, אָדער ווי מען זאָגט, 3,600 שעה מעהרווערטה*).

איצט ווייסען מיר שוין, צו וואָס דער פֿאַבריקאַנט דינגט די אַרבייטער, אום פֿון זייער פּראַצע אַ געווינס צו האָבען, אום אַראָבצורייסען פֿון זיי מעהרווערטה.

על כּן, פֿון וואַנען בעקומט אונזער פֿאַבריקאַנט זיין געווינס? פֿון איינענער פּראַצע? פֿערשטעהט זיך, אַז נישט. איז פֿון פֿרעמדער? יאָ, געוויס, פֿון פֿרעמדער, פֿון דער פּראַצע פֿון דעם אַרבייטער.

V.

ביז איצט האָבען מיר נאָר גערעדט „למשל". לאָמיר איצט נעהמען אַ צופֿאַל פּונים לעבען, און איהר וועט זעהן, אַז אונזער משל איז ריכטיג, אַז איבעראַל לעבט דער פֿאַבריקאַנט, דער בעל־הבית פֿון דעם אַרבייטערס פּראַצע, פֿון צוגענעבענעם ווערטה.

אין ענגלאַנד, ווי יעדען איז בעקאַנט, מאַכט מען אויס זעהר פֿיעל באַוועל. שוין פֿון לאַנג אָן עקסיסטירען דאָרט גרויסע פֿאַבריקען, שוין לאַנג האָבען די אַרבייטער אויפֿגעהערט צו לעבען פֿון איינענער פּראַצע, און האָבען געמוזט געהן זיך פֿערקויפֿען, ווערען פּראָסטע דינער, פֿון לאַנג אָן ליידען זיי שוין הונגער און קעלט. אָבער אויך שוין לאַנג ווערען דאָרט אַלץ רייכער די בעלי־בתים, די פֿאַבריקאַנטען, וועלכע ערהאַלטען פֿון זייערע פֿאַבריקען זעהר שענע געווינסען.

אָט איינער פֿון אַזעלכע פֿאַבריקאַנטען פֿון באַוועל האָט אויסגעגעבען אויף זיין פֿאַבריק 895,000 גילדען און אין אַ פֿערלויף פֿון אַ יאָהר האָט ער אויסגעלייזט פֿאַר זיינע באַוועל 1,060,000 גילדען. אַלזאָ, האָט ער בעקומען אַ געווינס פֿון 165 טויזענד גילדען, אָדער 18 פּראָצענט.

---

*) על־כּן, וואָס איז דאָס אַזוינס מעהרווערט? דאָס איז די ווערט, וועלכע די אַרבייטער גיבען צו די אויסגעאַרבייטע סחורה נאָך דעם, ווי זיי אַרבייטען אָב זייער אַרבייטסלאָהן, דאָס איז־ניט בעצאָהלטע אַרבייטסקראַפֿט.

לאָמיר זעהן, ווי אַזוי האָט ער בעקומען אַזאַ רֶוַח?

די פאַבריק, פון וועלכע מיר ריידען, האָט 10,000 שפינדלען, וועלכע ווערען געבראַכט אין בעוועגונג דורך אַ דאַמפף מאַשין. יעדער שפינדעל (פערשטעהט זיך, מיט אַנ'אַרבייטערס הילפע) קען אויסשפינען דורך די וואָך 1 פונט פאָדעם; אַלזאָ, קען די פאַבריק אין איין וואָך 10,000 פונט פאָדעם מאַכען. אָבער אויף צו מאַכען 10,000 פונט פאָדעם, מוז מען האָבען פלאַקס מעהר ווי 10,000 פונט, ווייל פיעל באַוועל געהט תמיד פערפאַלען ביי דער אַרבייט. אין אונזער פאַבריק דאַרף מען קויפען 10,600 פונט באַוועל, ווייל 600 געהט פערלאָרען. אַ פונט באַוועל האָט אין ענגלאַנד (אין 1871 יאָהר) געקאָסט 1 גילדען מיט 9 גראָשען, און דעריבער האָט מען געדאַרפט אויסגעבען אויף באַוועל 10,600 מאָל צו 1-גילדען מיט 9 גראָשען, ד. ה. 13,780 גילדען.

אום צו מאַכען פון די באַוועל פאָדעם, דאַרף מען האָבען מאַשינען, פערשיעדענע הילפס-מאַטעריאַלען און דעם אַרבייטערס פראַצע. די מאַשינען, ד. ה. די שפינדלעך צוזאַמען מיט דער פּאַראָווער מאַשין קאָסטען 400,000 גילדען. אָבער די געקויפטע מאַשינען ווערען ניט פערברויכט מיט איין מאָל, זיי קענען נוטצען אַ יאָהר צעהן. עס קומט דעריבער אויס, אַז יעדעס יאָהר גיט מען אויס אויף די מאַשינען ניט 400 טויזענד גילדען, נאָר 10 מאָל וועניגער, ד. ה. פערציג טויזענד, און אין יעדער וואָך (אויב אין יאָהר איז דאָ 50 וואָכען) 50 מאָל וועניגער פון 40,000, אָדער 800 גילדען. ווייטער דאַרף מען צו די מאַשינען, אום וואַרם צו מאַכען די קעסלען, שטיין-קוילען, אום אויסצושמירען די אַקסען — אייל. עס איז אויך נויטיג גאַז צו בעלייכטען די פאַבריק א. ז. וו. די שטיין-קוילען אין אונזער פאַבריק קאָסטען וועכענטליך 164 גילדען, גאַז — 40 ג., דירה-געלד צאָהלט דער פאַבריקאַנט 240 ג. וועכענטליך, צוזאַמען האָט ער יעדע וואָך אויסגאַבען אויף 15,230 ג. אָבער אַלע דיעזע מאַטעריאַלען וועלען גאָרניט געבען, ביז עס וועט נישט זיין קיין אַרבייטער. דעריבער דינגט דער פאַבריקאַנט 135 אַרבייטער, וואָס יעדער פון זיי אַרבייטעט אויף 74 שפינדלעך, און צאָהלט זיי פאַר זייער אַרבייטס-קראַפט אַזוי פיעל, וויפיעל מען דאַרף, אום ווידער צו בעקומען די דאָזיגע קראַפט; אָדער מיט אַנדערע ווערטער — וויפיעל עס איז נויטיג דעם אַרבייטער אויף צו לעבען (עסען,

קליידער, וואָהנונג א. ז. וו.). לאָמיר זיך פֿאָרשטעלען, אַז מען דאַרף 2 מיט אַ האַלבען גילדען טעגליך, אָדער 15 גילדען וועכענטליך. אַלע אַרבייטער וועט מען דאַרפֿען וועכענטליך צאָהלען 2,025 גילדען.

ווען די אַרבייטער וואָלטען געאַרבייט נאָר פֿאַר זיך אַליין, ד. ה. ווען זיי וואָלטען אַוועקגעגעבען דעם פֿאַבריקאַנט און צוגעלעגט צו די באַוועל נאָר אַזוי פֿיעל ווערטה, פֿאַר וויפֿיעל זיי אַליין האָבען גענומען ביי דעם פֿאַבריקאַנט אַרבייטס-לוין, וואָלט געווען זעהר גרינג צו בערעכענען, וואָס עס דאַרף צו קאָסטען די 10 טויזענד פֿונט פֿאָדעם, וועלכע זיי האָבען אויסגעאַרבייט אין אַ וואָך צייט. אין אמת'ן דאַרף אין די פֿאָדעם זיין: 1) דער ווערטה פֿון די פֿערבראויכטע באַוועל — 13,780 גילדען*); 2) דער ווערטה פֿון די מאַשינען [800 ג.]; 3) דער ווערטה פֿון די קוילען [164]; 4) דער ווערטה פֿון די אייל [164]; 5) דער ווערטה פֿונ'ם גאַז [40]; 6) דער ווערטה פֿון פֿערשיעדענע קלייניגקייטען [40]; 7) דער ווערטה פֿון דער וואָהנונג [240 ג.] און ענדליך 8) פֿון די אַרבייטערס פֿערבראויכטע און בעצאָהלטע פראַצע [2,025 ג.]. צוזאַמען — 17,253 ג., אַלזאָ, 10,000 פֿונט פֿאָדעם וואָלטען געדאַרפֿט קאָסטען 17,253 גילדען און איין פֿונט — 10,000 מאָל ווינציגער, אָדער כמעט 1 ג. 22 גראָשען.

אונזער פֿאַבריקאַנט אָבער בעקומט פֿאַר אַ פֿונט פֿאָדעם ניט 1 ג. 22 גראָשען, נאָר 2 גיל. 1 מיט אַ פֿערטעל גר.; פֿאַר 10,000 — צעהן טויזענד מאָל מעהר, אָדער מעהר ווי 20,400 גילדען, ד. ה. אויף 3,150 גיל. מעהר, ווי מיר האָבען בערעכענט. ווען אונזער פֿאַבריקאַנט האָט בעקומען אויך 3,150 גיל. מעהר, איז דאָס, פֿערשטעהט זיך, דערפֿאַר, וואָס אין זיי, אין די פֿאָדעם, איז דאָ אַ נייער ווערטה, וועלכער איז פֿריהער ניט געווען און וועלכען די אַרבייטער האָבען דערלעגט פֿון זייער אייגענער, ניט בעצאָהלטער

---

*) איך דערמאָהן אייך דאָ, אַז ווען מען זאָגט: „דער ווערט פֿון באַוועל איז 13,780 ג." זאָגט מען דאָ אַ פֿעהלער. ריכטיג דאַרף מען זאָגען: „אין די באַוועל איז דאָ אַזוי פֿיל ווערט, אָדער אַזוי פֿיל מענשליכע פראַצע, וויפֿיל מען דאַרף צו מאַכען 13,780 ג." (ניט פאַפירענע, נאָר זילבערנע, גאָלדערנע). ווען מען זאָגט, אַז די באַוועל קאָסט 13,780 ג. איז מעהר ניט צו פֿערקירען צדי רייד.

פּראַצע; זיי האָבען אַוועקגעגעבען דעם פֿאַבריקאַנט 3,150 גילדען מעהרווערטה. די אַרבייטער האָבען בעקומען פֿונ'ם פֿאַבריקאַנט 2,025 ג. פֿאַר אַ וואָך פּראַצע. אָבער דורך די וואָך האָבען זיי ניט נאָר אָבגעהאָרעוועט זייער לוין, נאָר זיי האָבען נאָך דערלעגט 3,150 שעה ניט בעצאָהלטע פּראַצע. יעדער אַרבייטער בעקומט טעגליך 2 ג. 15 גר., וועלכע ער האָרעוועט אָב, און דערגיבט נאָך אַ ווערטה פֿון 3 ג. 27 גר., פֿאַר וועלכע מען בעצאָהלט איהם ניט. די אומזיסטע, ניט בעצאָהלטע פּראַצע געדויערט 1 מיט אַ האַלב מאָל מעהר ווי די בעצאָהלטע; דער אַרבייטער האָרעוועט אַנדערטהאַלבען מאָל מעהר אויפ'ן פֿאַבריקאַנט ווי אויף זיך.

דער מעהרווערטה איז אַנדערטהאַלבען מאָל גרעסער ווי די בעצאָהלטע פּראַצע, אָדער אַנדערש גערעדט, דער מעהרווערטה־מאָס איז אַנדערטהאַלבען [אָדער 150 פּראָצענט]*).

עס שיינט מיר, אַז איצט האָב איך אייך שוין אינגאַנצען איבערצייגט, אַז ניט אַלע רוחים קומען אַרויס פֿון אייגענער פּראַצע. ווענייגסטענס, האָבען מיר געזעהן, אַז דער פֿאַבריקאַנט בעקומט זיין רוח פֿון פֿרעמדע, ניט פֿון אייגענע פּראַצע.

„נו, רעכט, וועגען פֿאַבריקאַנט האָסט דו אונז געזאָגט אמת. אָבער ווי שטעהט עס מיט דעם מייסטער, מיט דעם ערדבעזיצער, מיט דעם סוחר א. ז. וו. וואָס ווייסט דו אונז פֿון זיי דערצעהלען?"

וואַרט אַ ווײַלע, מיר וועלען לאַנגזאַם קומען צו זיי אויך. לאָמיר אָנהייבען פֿון מייסטער.

איהר ווייסט געוויס, אַז כמעט אונזערע גאַנצע שוכוואַרג ווערט איצט געמאַכט אין פּריוואַטנע וואַרשטאַטען, אין וועלכע דער מייסטער קוקט אויף די אַרבייט, די געזעלען אַרבייטען פֿאַר געצאָהלט, און די בורשען (טערמינאַטאָרעס) אומזיסט. אַז דער מייסטער פֿערדיענט פֿון טערמינאַטאָרס פּראַצע, דאָס ווייסען אַפילו קליי-

*) מעהרווערטסמאָס איז דער אונטערשייד צווישען בעצאָהלטער און ניט בעצאָהלטער פּראַצע, ווען דער אַרבייטער האָרעוועט 4 שעה פֿאַר זיך און 8 שעה פֿאַר'ן קאַפּיטאַליסט, זאָ איז די ניט בעצאָהלטע פּראַצע 2 מאָל גרעסער ווי די בעצאָהלטע, און די מעהרווערטסמאָס איז גלייך צו 2 אָדער 200 פּראָצ. האָרעוועט ער 6 שעה אויף זיך און 6 שעה אויף דעם קאַפּיטאַליסט, איז די מעהרווערטסמאָס גלייך 1 אָדער 100 פּראָצ. א. ז. וו.

נע קינדער. מיר וועלען דאָ ריידען פון דער „בעצאָהלטער" פראַצע פון געזעלען.

איהר ווייסט, ווי שווער עס איז אַ שוסטערס פראַצע. איינגעבויגען זיצט דער געזעל אויף דעם בענקעל, אין דער רויכעריגער, פינצטערער שטיבעלע מוז ער אָפּט 15—16 שעה האָרעווען, אום וואָס עס איז צום לעבען צו פערדיענען. מען צאָהלט פון שטיק, 6 גיל. פון אַ פּאָר קאָמאַשען. ווען עס פעהלט ניט קיין אַרבייט, קען אַ גוטער געזעל אין 15 שעה מאַכען 2 פּאָר קאָמאַשען און פערדיענען פון זיין פראַצע 12 גיל. לאָמיר־זשע איצט זעהן, פון וואַנען נעהמט זיך דעם מייסטערס פערדיענסט.

פעל, גומע, פאָדעשוועס אויף איין פּאָר קאַמאַשען קאָסטען פון 14 ביז 17 גיל. הילפס־מאַטעריאַלען (דראַטווע, נאָלען, טשוועקעס א. ז. וו.)—20 גר., וואָהנונג — 20 גר.*). די געצאָהלט פון געזעלען 6 גיל. ווען דער געזעל וואָלט בעקומען פאַר זיין פראַצע אינגאַנצען, וויפיעל עס קומט איהם, זאָ דאַרף אין אַ פּאָר קאָמאַשען זיין דער ווערטה פונ'ם מאַטעריאַל (פעל, גומע, פאָדעשוועס) ד. ה. 17 גיל., דער ווערטה פון די הילפס־מאַטעריאַלען 20 גר. דער ווערטה פון וואָהנונג 20 גר. און דער ווערטה פונ'ם געזעלענ'ס אַרבייט 6 גיל. צוזאַמען וואָלטען געדאַרפט די קאָמאַשען קאָסטען 24 גיל. 10 גר. אונטערדעסען פערקויפט דער מייסטער אַ פּאָר קאָמאַשען פאַר 33 גיל. 10 גר. [5 רובל], ד. ה. אויף 9 גיל. טהייערער. פון וואַנען האָבען זיך גענומען די 9 גיל. נייען ווערטה? פערשטעהט זיך, אַז דאָס איז ניט געווען ניט אין די פאָדעשוועס ניט אין די טשוועקעס, ניט זין וואָהנונג. פערשטעהט זיך, אַז דאָס האָט איהם דערלעגט און געקענט דערלעגען נאָר דער געזעל. אַזוי האָט אונזער געזעלען אויף 6 גיל. בעצאָהלטער פראַצע דערגעבען דעם מייסטער 9 גיל. ניט בעצאָהלטע, 9 גיל. מעהרווערטה. פון וועלכע עס געניסט, פערשטעהט זיך, נאָר דער מייסטער. על כן, ווי מען זאָגט, איז די מעהרווערטה־מאָס 1 מיט אַ האַלבען. דער אַרבייטער, פון זיינע 15 שעה פראַצע, האָרעוועט 5 שעה פאַר זיך

*) עס פערשטעהט זיך, אַז די וואוינונג קאָסט אַ סך מעהר, אפשר 60 אָדער 100 גיל., אָבער עס מאַכט זיך דאָך אין דער וואוינונג ניט איין פּאָר קאָמאַשען, נור 5—100 און נאָך מעהר יעדען מאָנאַט.

און 10 שעה גיט ער אָב דעם מייסטער, מאַכט איהם רייך מיט זיי.

אָט איז אייער מייסטער — טאָ זעהט איהר, ווי די מייסטערס בעקומען זייערע געווינסען. איז דאָס פֿון אייגענער פּראַצע? — פֿערשטעהט זיך, אַז ניט. פּונקט אויך אַזוי, ווי די פֿאַבריקאַנטען, קענען זיי האָבען זייערע רְוָחים, קענען רייך ווערען, נאָר פֿון פֿרעמדער פּראַצע, נאָר פֿון דער פּראַצע פֿון זייערע אַרבייטער און געזעלען.

זעהט איהר איצט, ווי מען קען גלייבען אַזעלכע לייט, ווי דער מחבר פֿון בוך „זעלבסטהילפֿע", וואָס דערצעהלען ניסים, צו וואָס פֿאַר אַ רייכטהימער מען קען דערגרייכען מיט „אייגענער פּראַצע"; איצט ווייסט איהר, אַז ווען מען דערצעהלט, ווי די פֿאַבריקאַנטען האָבען מיט זייער „אייגענער פּראַצע" זיך אַ מאַיאָנטעק געמאַכט, איז עס נאָר אַ מיאוס׳ער ליגען. —

VI.

די פֿאַבריקאַנטען, די מייסטער׳ס זענען נאָך ניט אַליך. וואו זענען די קויפּלייטע (סוחרים), וואו די גוטסבעזיצער, וואו די „טשינאָווניקעס" א. ז. וו.?

לאָמיר איצט איבערגעהן צו זיי. און אום זיך גוט צו ערקלערען, פֿון וואַנען עס נעהמען זיך זייערע געווינסען, פֿון וואָס פֿאַר אַ פּראַצע זיי האַלטען זיך אויף, וועלען מיר זיך נעהמען אַ משל.

אַ פֿאַבריקאַנט האָט אַריינגעלעגט אין אַ געשעפֿט אַ מיליאָן רובל. וואָס פֿאַר אַ געשעפֿט — איז פֿאַר אונז אַליך איינס, נור לאָז זיין אַ צוקערפֿאַבריק. ער האָט אָנגעקויפֿט מאַשינען, הילפֿסמאַטעריאַלען, בוריקעס, האָט אָנגעדונגען אַרבייטער, און אין אַ יאָהר אַרום קומט אַרויס צוקער פֿאַר אַ 1.300.000 גילד. און אונזער פֿאַבריקאַנט האָט 300.000 גיל. געווינס פֿון זיין מיליאָן. מיר ווייסען שוין, אַז די 300.000 גיל. זענען עס די ניט בעצאָהלטע פּראַצע פֿון די אַרבייטער, אָדער דער ניט בעצאָהלטער מעהרוועַרטה.

דער פֿאַבריקאַנט וואָלט מיט חשק דעם גאַנצען געווינס פֿאַר זיך בעהאַלטען. האָטש זיי האָבען איהם גאָר ניט געקאָסט, פֿון דעסטוועגען איז איהם ניט פֿרעהליך מיט דעם געלד זיך צו שיידען.

אבער עס ווארטען נאך פיל לייט, וועלכע האבען אויך א חשק אויף דעם מעהרווערטה, וואס איז פון ארבייטער ארויסגעריסען. יעדערער וואלט געוואלט האטש עפעס אריינהאפען, יעדערער וואלט געוואלט האטש עטליכע טראפען פון ארבייטערס בלוטיגען שוויים אויזיסט ארונטערשלינגען.

דער ערשטער ציהט אויס זיין האנד דער סוחר. דער פאבריקאנט אהן דעם סוחר קען גארנישט טהון. ער ווייסט וואהל, אז ווי לאנג זיין סחורה ליגט אין די מאגאזינען, אזוי לאנג וועט ער פון איהר קיין שום נוצען ניט האבען. מען דארף פריהער פערקויפען די סחורה, פארבייטען אויף געלד און דאמאלס ערשט קען מען זאגען, אז דאס געשעפט איז געענדיגט. דארף מען על כן אויסזוכען דעם סוחר צו פערקויפען די צוקער.

דער סוחר געפינט זיך, נעהמט זיך אן די סחורה צו קויפען, אדער אן אנדערן קויפער צו געפינען. ער וואלט אפילו גלייך געלד אוועקגעלעגט, אבער ער וויל מען זאל איהם בעצאהלען פאר זיין טרחה. ער וויל, מ'זאל איהם אראבלאזען פון דעם צוקער א פראצענט, דער פאבריקאנט קען זיך דערפון ניט אבזאגען, לאזט איהם אראב א פראצענט, למשל 50.000 ג'ל. ד. ה. ער פערקויפט איהם זיין צוקער ניט פאר 1.300.000, נאר פאר 1.250.000 ג. דער געווינס פון פאבריקאנט האט זיך פערקלענערט; א טייל פון דעם געווינס איז אריבערגעגאנגען אין דעם סוחר'ס קעשענע, דערפאר אבער אין דעם פאבריקאנטס קעשענע קלינגען שוין די קיילעכדיגע. דער סוחר האט פערדינט אן דעם געשעפט 50,000 ג'ל. נו, איז די פראגע, צי האט ער עס פערדיענט מיט איינענער פראצע? פערשטעהט זיך, אז ניט: זיין פערדינסט איז נור א טייל פון דעם פאבריקאנטס פערדינסט, א טייל פון דעם ארבייטערס ניט בעצאהלטער פראצע, פון דעם ניט בעצאהלטען מעהרווערטה. דער סוחר אלזא בעקומט אויך זיין געווינס פון פרעמדער פראצע, פון די פראצע פון די ארבייטער, וואס האראווען אין פאבריק.

נאך דעם סוחר קומט צו געהן דער גוטסבעזיצער, הארום האטש אפילו די פאבריקאנטען בויען אמאל זייערע פאבריקען אויף אייגענע פעלדער, נאר על פי רוב זענען די פעלדער געדונגענע. פאר דעם געדונגענעם פלאץ בעט דער אייגענטימער געצאהלט — רענטע, ווי מען רופט עס. „א שלעכטע מעשה", טראכט זיך דער פאבריקאנט.

נאָר אַז מען מוז צאָהלען— צאָהלט מען, און פון דעם געווינס גיט ער אָב 20 טויזענד גיל. רענטע דעם גוטסבעזיצער.

פון וואַנען נעהמען זיך די געווינסען פון גוטסבעזיצער? פערשטעהט זיך, אַז פון דעם פאַבריקאַנטס געווינס, אָדער פון דער ניט בעצאָהלטער*) פראַצע פון די אַרבייטער.

ביי אונזער פאַבריקאַנט איז שוין מעהר ניט געבליבען ווי 230.000 גל, נאָר אויך איצט קען ער נאָך די געלד אין קעשענע ניט אַראָבלאָזען. מיר האָבען געזאָגט, אַז אין זיין פאַבריק האָט ער אריינגעלעגט א מיליאָן גיל. דער מיליאָן גיל. האָט געקענט זיין זיינער אנאייגענער, אָבער ער האָט איהם אויך געקענט לייהען, וואָרום ס'זענען דאָך דאָ פיעל אַזעלכע רייכע לייט, וואָס ווילען זיך ניט פערנעהמען מיט קיין שום געשעפטען און ווילען בעסער פאַרלייהען זייער געלד און רוהיג זיך אַריינלעגען יעדעס יאָהר די פראָצענט אין קעשענע. אָט ביי איינעם פון אַזעלכע קאַפּיטאַליסטען האָט אונזער פאַבריקאַנט געקענט לייהען געלד, למשל צו 6 פראָצ. דער פאַבריקאַנט מוז איהם איצט אָבגעבען 60.000 גיל. פון זיין געווינס. עס בלייבט איהם נור איבער 170.000 גיל. פון וועמענס קעשענע נעהמט דער קאַפּיטאַליסט די 60,000 גיל.?— פון די אַרבייטער, פון די ניט בעצאָהלטע פראַצע.

ווי מיר האָבען געזאָגט, זענען דעם פאַבריקאַנט איבערגעבליבען 170.000 גיל. אָבער אַפילו מיט דעם געלד קען ער זיך נאָך ניט אין גאַנצען פרעהען. די רעגירונג וויל אויך פאַר זיך אַ חלק פון דער סומע.

דאָס רוב פּאָדאַטקעס צאָהלען די אָרימעלייט, די אַרבייטער אַליין. אָבער אַ ביסעל אָבצאָהלונגען פאַלט אויך אויף די פאַבריקאַנטען און די קאַפּיטאַליסטען. אויך אונזער פאַבריקאַנט גיט אַוועק א ביסל פון זיין געווינס: 30.000 צאָהלט ער פּאָדאַטקעס. עס איז לייכט צו זעהען, אַז דעם פּאָדאַטעק האָבען אויך די אַרבייטער בעצאָהלט, וואָרום דער פאַבריקאַנט האָט דאָך זיינע אייגענע גאַר ניט, און טיילט פאַנאַנדער דעם ניט בעצאָהלטען מעהרוועָרטה, די ניט בעצאָהלטע פראַצע פון אַרבייטער.

---

*) מיר ריידען דאָ פון אַזעלכע גוטסבעזיטצער, וואָס פיהרען ניט אַליין זייער ווירטשאַפט, אַזעלכע גוטסבעזיטצער וואָס פיהרען אַליין זייער ווירטשאַפט לעבען אויך פון די אַרבייטערס פראַצע, אָדער פון די וואָס אַרבייטען ביי זיי אַליין, צ"ב: אַקערער, שניידער א. ז. וו.

עס בלייבען אונזער פאבריקאנט 140,000 גילדען. דערפון דארף מען דעם דירעקטאר פון פאבריק בעצאהלען זיין יעהרליכעס געהאלט 5,000 ג. און די פערזיכערונגס-געזעלשאפט 10,000 און אנדערע פערשיעדענע פיאווקעס 5,000. בלייבען איבער 120,000 גיל. ריינע געווינס, מיט וועלכע דער פאבריקאנט קען שוין טהון, וואס ער וויל. די גאנצע וועלט וועט זאגען, אז די 120.000 איז זיין „אייגענטום“, אז ער האט זיי בעקומען דורך „אייגענער פראצע“.

פאר די 120.000 גיל. וועט שוין אונזער פאבריקאנט קענען לעבען. אהא! ער וועט זיך ניט אויסרעכענען, וויפיעל ער דארף האבען אויף צו ערהאלטען זיינע כחות. ער וועט טהון מיט דעם געלד ווי זיין הארץ געלוסט און אלע וועלען זאגען, אז די 120.000 ג. האט דער פאבריקאנט ערווארבען מיט זיין „אייגענער פראצע“.

VII.

איצט וועלען מיר קענען געבען אנטווארט אויף די פראגע, וועלכע מיר האבען געשטעלט אים אנהייב פון אונזער ביכעל.

פון וואס לעבט מען אויף דער וועלט? צו פון אייגענער. צו פון פרעמדער פראצע? ווער פון וואס האלט זיך אויף? צו פון זייגענע הענד, צו פון פרעמדע?

איך וואלט מיר אויף דעם אופן איינגעטיילט אלע מענשען אויף צוויי טיילען: דער גרעסטער טייל מענשען זענען ארבייטער, וועלכע האבען ניט קיין אייגענע געצייג, און מוזען פערקויפען זיך, זייער ארבייטס-קראפט. דאס זענען אלע לעהר-יונגלעך, געזעלען, פאבריק-ארבייטער, פעלד-ארבייטער, פאראבקעס, געדונגענע ארבייטער א. ז. וו.

דער אנדערער, קלענערער טייל מענשען, זענען די, וועלכע האבען געצייג, נאר הארעוועןן אליין ניט, הייסען אנדערע הארעווען. זיי לעבען, ווערען רייך פון פרעמדער פראצע, פון דעם ארויסגעריסענעם ביי אנדערע מענשען, פון דעם מעהרווערטה. דאס זענען פאבריקאנטען, מייסטערס, ערד-בעזיצער, סוחרים, פאליציי א. ד. ג. און איצט פרעג איך, צי איז אזא וועלט גערעכט?

צי איז רעכט אַזאַ צוטיילונג איף רייכע פֿוילענצער, און פֿערהאָרעוועטע אָרימעלייט? צי איז עס רעכט אַזוי, אָדער ניין?

אין דער ערשטער העלפֿט פֿון אונזער ביכעל האָבען מיר ערפֿאַהרען, וואָס פֿאַר אַ וועלט מיר האָבען איצט. עס איז דאָ אַ קליין ביסעלע מענשען, וואָס לעבט און פֿרייט זיך איף די קאָסטען פֿון גאַנצען פֿאָלק. ווי קען עס זיין? וואָרום איז דאָס אַזוי?

דאַרום, ווייל די פֿאָלקסמאַסע איז ניט פֿריי, ווייל זי מוז פֿערקויפֿען איהר אַרבייטס־קראַפֿט, מוז זיך פֿערקויפֿען.

און פֿאַר וואָס מוז זיך די גרויסע פֿאָלקס־מאַסע פֿערקויפֿען?

דעריבער, ווייל זי האָט ניט קיין געצייג צו דער אַרבייט. מיר האָבען שוין געזעהן, אַז נאָר דער, וואָס האָט ניט קיין אייגענע געצייג, דער מוז זיך פֿערקויפֿען, דען אַנדערש, וועט ער גאַנץ איינפֿאַך שטאַרבען פֿאַר הונגער.

אַלזאָ, ווען מיר ווילען פֿעררעכטען, פֿערבעסערען, איבערמאַכען די היינטיגע וועלט, ווען מיר ווילען אַרויסטרייבען די אָרימקייט פֿון די און די פֿערדאָרבענהייט פֿון יענע — טאָ וואָס דאַרפֿען מיר טהון?

איהר פֿערשטעהט שוין אַליין, — מען מוז מאַכען, אַז יעדער זאָל האָבען זיינע אייגענע ווערקצייג; דאַמאָלס וועט יעדער אַרבייטען פֿאַר זיך, קיינער וועט ניט האָרעווען פֿאַר אַנדערע, קיינער וועט ניט אַוועקגעבען דעם מעהרווערטה פֿון זיין פּראַצע; דאַמאָלס וועט אויך קיינער ניט קויפֿען קיין מענשען מיט זייער אַרבייטס־קראַפֿט, קיינער וועט ניט קענען רייך ווערען פֿון פֿרעמדער פּראַצע.

מאַכען, אַז יעדער זאָל האָבען זיינע אייגענע ווערקצייג־רעכט. אָבער די קשיא איז: ווי אַזוי זאָל מען עס מאַכען?

ווי מאַכען? גאָר פּשוט: צונעהמען די ווערקצייג ביי די, וואָס האָבען צופֿיעל, און אָבגעבען זיי דעם אַרבייטער־פֿאָלק.

צונעהמען! מיט גוואַלד! וואָס רעדסט דו!? ווי אַזוי צונעהמען? קען מען עס? וועט זיך דאָס איינגעבען? מעג מען דאָס?

צי קען מען דאָס? צי וועט זיך דאָס איינגעבען? צי מעג מען עס? אָט אויף די דריי שאלות וועלען מיר באַלד ענטפֿערען.

I.

פֿריהער, צי קען מען עס?

צי קען מען עס מאַכען, אַז יעדער אַרבייטער, יעדער מענש זאָל האָבען זיינע אייגענע ווערקצייג?

דאָס איז גאָר ניט אַזאַ לייכטע שאלה, ווי עס דאַכט זיך. אין אָנהייב שיינט אפילו, אַז דאָס איז גאָר ניט קיין שווערע זאַך, וואָרום עס איז דאָך שוין געוועזען אַמאָל אַזוי, אַז כמעט יעדער האַנד־ווערקער האָט געהאַט אַנ'אייגענעם וואַרשטאַט, איז געוועזען אַ בעל־הבית ביי זיך אין שטוב.

אַ מאָל איז טאַקי געוועזען אַזוי, דאָס איז אמת, אָבער דאַמאָלס זענען אויך ווייניג מענשען געוועזען אויף דער וועלט. די זעלביגע שטאָדט, וואָס האָט פֿאַר 200 יאָהר צוריק געהאַט 500 טויזענד איינוואָהנער, האָט איצט 4 מיליאָן (למשל, לאָנדאָן אין ענגלאַנד); די שטאָדט, וואָס האָט פֿאַר הונדערט יאָהר צוריק געהאַט 90 טויזענד איינוואָהנער, האָט איצט 600 טויזענד (למשל, וואַרשאָ); אין דער מדינה, אין וועלכער פֿאַר 200—300 יאָהר האָט געקענט זיין איין מיליאָן, וועט יעצט זיין 10 און נאָך מעהר מיליאָנען בעפֿעלקערונג; און דעריבער, וואו אַמאָל איז געווען געוועזען פֿאַר אַלעמען 100 טויזענד פֿאַר שטיוועל, דאַרף מען איצט האָבען אַ מיליאָן — און אפשר — נאָך מעהר, און אין דער מדינה, אין וועלכער מ'האָט אַמאָל געברויכט איין מיליאָן איילען לייננוואַנד, דאַרף מען איצט האָבען 10—20 מאָל אַזוי פֿיעל. אַמאָל, אַלזאָ, אין „די שענע, גוטע אַמאָליגע צייטען", ווי מען זאָגט עס, האָטש זיי זענען גאָר ניט געוועזען אַזוי גוט, אַז מען זאָל זיי ווידער פֿערלאַנגען — אין די אַמאָליגע צייטען פֿלעגט אַ וועבער, וועלכער האָט מיט דער ווייב און מיט די קינדער ביי'ם וואַרשטאַט ביי זיך צו הויז געאַרבייט, אָדער אַ שלאָסער, וועלכער פֿלעגט אַלעמען מאַכען שלעסער, פֿלעגען זיי ניט קענען מאַכען ניט קיין סך לייננוואַנד, ניט קיין סך שלעסער. זיי פֿלעגען מאַכען ווייניג, וואָרום מען האָט אויך ווייניג געברויכט; דער וועבער פֿלעגט מאַכען זיין לייננוואַנד אויף שלעכטע וועבשטולען, דער שלאָסער פֿלעגט מאַכען זיינע שלעסער מיט שלעכטע ווערקצייג.

איצט מוז דער וועבער וועבען ניט אַנדערש, ווי אויף די מאַשין. ווען איינער וואָלט געוואָלט וועבען לייננוואַנד אויף בריהע־

ריגע וועבשטולען, וואָלט ער געטהון אַזאַ משוגעת, אַז ער וואָלט גענוזט פֿערליערען הונדערט מאָל מעהר צייט אויף דעם, וואָס ער קען מיט אַ מאַשין מאַכען אין איין שעה. היינט דאַרף מען מאַכען פֿיעל, זעהר פֿיעל פּראָדוקטען (אויסגעמאַכטע זאַכען), היינט דאַרף מען האָבען אונגעהויערע פֿאַבריקען, מען דאַרף האָבען דאַמפּ־מאַשינען, מען דאַרף גרויסע מאַשינען, אום אויסצומאַכען די גאַנצע צאָהל פּראָדוקטען, וועלכע מען ברויכט צו האָבען. בלויז אין ענגלאַנד אַליין אַרבייטען איצט 450 087 וועבער אויף 33 מיליאָן שפּינדלען!

אָט, ווען יעדער אַרבייטער וואָלט געוואָלט האָבען אַנ׳איינענעם בעזונדערען וואַרשטאַט, ווען מען וואָלט יעדער׳ן געגעבען צו איין שפּינדעל, ווען מען וואָלט יעדער׳ן פֿון זיי געמאַכט פֿאַר אַ זעלבסטשטענדיגען אַרבייטער, וואָלטען זיי דאָך אַלע ניט בייגעקומען זייער אַרבייט און וואָלטען נישט געמאַכט אַפילו קיין צוואָנציגסט חלק דערפֿון, וואָס זיי מאַכען איצט, אויף דער גאַנצער וועלט וואָלטען פֿעהלען באַוועלנע פּראָדוקטען, און אונזערע בעלי־בית׳טעם וואָלטען זיך ביטער בעקלאָגט אויף אַזאַ מעשה. זעהט איהר, אַלזאָ, אַז ס׳איז ניט אַזוי לייכט און ניט אַלע מאָל קען מען עס, אַז יעדער פֿאַר זיך זאָל האָבען אַ בעזונדערען וואַרשטאַט, בעזונדערע ווערקצייג. עס וואָלטען ניט געוועזען קיין בעדריקונגען — דאָס איז ריכטיג, אָבער דערפֿאַר וואָלט אומעטום געוועזען אַ נויט אין די נויטיגסטע סחורות, אָרימקייט און אַפילו הונגער.

יאָ, הונגער, און באַלד וועט איהר זיך אַליין אין דעם איבערציינגען. היינט אין ענגלאַנד, למשל, איז כמעט ווי נישטאָ קיין אַרבייטער, וואָס זאָל האָבען זיינע אייגענע ווערקצייג. בויערען, וואָס זאָלען בעאַרבייטען זייער אייגען שטיקעל ערד, איז שוין גאָר ניטאָ. דאָרטען זענען נאָר דאָ גרויסע ערדבעזיצער, וועלכע האָבען אונגעהויערע גיטער, פּראָווע סאָכעס (פּלוגעס), פּראָווע מאַשינען צום שניידען און דרעשען און וועלכע דינגען אָן דאָרפֿס־אַרבייטער צו בעאַרבייטען זייערע פֿעלדער. די דאָרפֿסלייט האָבען גאָר נישט; ניט קיין פֿעלדער, ניט קיין גערטנער, ניט קיין ווערקצייג, אַפילו קיין אייגען הייזעל ניט; דעריבער מוזען זיי זיך פֿערקויפֿען פֿאַר קנעכט צו די הערען און אָוועקגעבען זיי זייער צוגעלעגטע אומזיסטע פּראַצע, ניט בעצאָהלטע אַרבייט.

אַלזאָ איז די אַרבייטער שלעכט, זעהר שלעכט. גו! אָבער

מיינט איהר אפשר, אז עס וואלט געווען גוט, אז מען וואלט יעדע־רען פון זיי אוועקגעגעבען א בעזונדער שטיקעל לאנד? צי וואלט א סך דערפון אויסגעפיהרט דאס גאנצע פאלק אין ענגלאנד?— געוויס גאר נישט. אין יאהר 1875 האט ענגלאנד געדארפט האבען יעהר־ליך 22 מיליאן קווארטערס (א קווארטערס איז דריי הונדערט קווארט) תבואה, אבער אין ענגלאנד וואקסט אויס נאר 13 מיליאן, אזוי אז 9 מיליאן דארף מען אריינברייגגען פון אויסלאנד. ערשט אז מ'וואלט צוטיילט דאס לאנד אויף שטיקלעך, אויף וועלכע מ'וואלט ניט גע־קענט געברויכען קיין פאראווע מאשינען ניט אויף צו זייען, ניט אויף צו שניידען, ניט אויף בויען, וואלטען ניט נאר 13, נאר אפילו 5, 6 מיליאן ניט ארויסגעקומען. ענגלאנד וואלט געמוזט סיידען פון הונגער שטארבען.

זעהט איהר אלזא, אז עס וואלט ניט אזוי גוט געווען, ווען יעדער וואלט געהאט זיינע אייגענע ווערקצייג.

על כן, ווי ווערט זיין? ניט האבען אייגענע ווערקצייג — איז שלעכט, ווארום מען דארף פערקויפען די ארבייטס־קראפט, זיך פער־קויפען, רייך מאכען אנדערע; האבען אייגענע ווערקצייג — איז ווידער שלעכט, ווארום עס וועט זיין ארימקייט, הונגער. וואס־זשע על כן טהוט מען צום סוף, ווי זאל מען דא אן עצה געפינען?— אן עצה איז דא און א וואוילע. פאר וואס זאל מען ניט מאכען, אזוי ווי ס'איז ביז איצט? וואו די ארבייטער האבען צוזאמען מיט אנאנ־דער אין די גרויסע פאבריקען און אויף די גרויסע שטיקער לאנד, זאלען זיי הארעווען אויך ווייטער צוזאמען, געמיינשאפטליך. נאר ניט איינציגע ווערקצייג, איינציגע שפינדלען, ניט שטיקלעך, נאר גאנצע פאבריקען זאלען געהערען צו די ארבייטער און דאס ניט צו איינעם, נאר צו אלעמען, זאלען אלע פאב־ריקען אין דעם גאנצען לאנד, זאלען זיי געהערען צו אלע ארבייטער, זאלען זיי זיין זייער געמיינ־שאפטליכער אייגענטום.

זאלען זיי ארבייטען אלע גלייך צוזאמען, אבער ניט פאר'ן פאבריקאנט, נאר פאר זיך. דאמאלס וועט אלץ זיין פערליינכטערט, דאמאלס וועט מען אויסמאכען ניט ווייניגער ווי איצט, אדרבה, מען וועט נאך אויסמאכען א סך מעהרער. יעדער וועט וויסען, אז ער ארבייט ניט פאר א פוילענצער, נאר ער הארעוועט פאר אלעמען.

ער האָרעוועט פֿאַר זיינע חברים, און זיי ווידער האָרעווען פֿאַר איהם. ערשט וועט ער פֿאַרשטעהן, אַז אויב ער וועט האָרעווען מעהרער אויף דער פֿאַבריק, וויפֿיעל מען דאַרף, וועט דער מעהרוועדטה (דער צוגעלעגטער ווערטה, די צוגעגעבענע פראַצע) געהן אויף אַלעמען, זי וועט ניט אַוועקגעהן אויף משוגעת'ן פֿאַר עטליכע מענשען, נאָר זי וועט פֿערבעסערען דעם גליק פֿון אַלעמען.

על כן געמיינשאַפֿטליכער אייגענטום אויף פֿאַבריקען און ערד קען ראַטעווען די אַרבייטער.

II.

איצט וועלען מיר פֿרעגען, צי וועט זיך דאָס איינגעבען? צי קען מען האָפֿען, אַז אַזאַ געמיינשאַפֿטליכעס אייגענטום פֿון פֿאַבריקען און ערד זאָל טאַקי אין אֶמת'ן אַמאָל עקסעסטירען? צי איז עס אין אֶמת'ן אַ מעגליכע זאַך, אַז יעדער זאָל קענען זאָגען אויף זיך, אַז ער איז אַליין איבער זיך אַ הערר?

עס זענען דאָך געוועזען אָרימעלייט און רייכע פֿון גאַנץ לאַנגע צייטען. עס זענען דאָך שוין פֿון גאַנץ לאַנגע צייטען אימער און איבעראַל געוועזען אַ מאַסע מענשען, וואָס זענען געוועזען געדריקט, און אַ קליין ביסעלע, וואָס האָט געדריקט אַנדערע. עס האָבען זיך דאָך שוין פֿון גאַנץ לאַנגע צייטען געפֿונען מענשען, וואָס האָבען געזעהן, אַז אַזאַ אָרדנונג איז אָהן אַ יושר, ניט קיין גוטער, ניט קיין געזעצטער, און פֿון דעסטוועגען האָט'ס ניט געהאָלפֿען; אַלע מאָל איז די אָרימעלייט געוועזען שלעכט, אַלע מאָל איז די גבירים געוועזען גוט.

און צי דען זעהען מיר ניט איצט, אַז אָרימעלייט ווערען אַלץ מעהרער אויף דער וועלט? צי זעהען מיר ניט, אַז די אָרימקייט האָט זיך איצט שרעקליך פֿערברייטערט אין אַלע מדינות, אַז דער רייכטום און די אויסגעלאַסענקייט פֿון די לײַדיגגעהער פֿערמעהרען זיך אומעטום אונגעהויער?

דאָס אַלץ איז אֶמת, נאָר דאָס אַלץ קען ביי אונז ניט צו נעהמען די האָפֿנונג; פֿערקעהרט, דערפֿון קענען מיר זעהן, אַז דער סוף פֿון די היינטיגע אָרדנונגען איז שוין גאַנץ נאָהענט. מיר ווילען זיך עס באַלד קלאָר מאַכען.

אמת, ס'איז אַלץ מעהר דאָ אָרימעלייט, וועלכע האָבען גאָר קיין שום אייגענטום ניט און — מען קען זיך ניט העלפען — עס מוז זיין אַלץ מעהרער. דער האַנדוועָרקער, ווען ער שיקט זיינע סחורות אויפ'ן מאַרק, וויל ער בעקומען פאַר זיי וואָס מעהרער. דאָס איז קיין וואונדער, וואָרום ער האָט דאָך אין זיי אַריינגעלעגט אַזוי פיעל פראַצע, וויפיעל ער האָט געקענט. אָבער קומט עס וואָס אַרויס פון דער פראַצע? דער פאַבריקאַנט, וועלכער מאַכט די זעלביגע זאַכען אין זיין פאַבריק, געברויכט ניט אַזוי פיעל פראַצע. אויב, למשל, אַ שלאָס קאָסט דעם שלאָסער דריי שעה פראַצע, וועט אין פאַבריק די זעלבע אַרבייט פערנעהמען נאָר צוויי שעה צייט. דער שלאָסער וועט פערלאַנגען פאַר זיין שלאָס דריי גילדען (אויב אַ שעה פראַצע איז אַזוי פיעל ווערט, ווי אַ גילדען), אָבער דער פאַבריקאַנט וועט איהם פערקויפען פאַר צוויי גילדען. פערשטעהט זיך, אַז קיינער וועט ניט קויפען דעם שלאָס ביי'ם שלאָסער, און דער שלאָסער, וואָס וועט ניט פערקויפען זיינע סחורות, וועט זיין גענויט צו פערקויפען דעם וואַרשטאַט און צו געהן פערקויפען זיין אַרבייטס-קראַפט אין פאַבריק. דאָס זעלבע לאָזט זיך אויך וועגען אַלע האַנדוועָרקער זאָגען: מיט דער מאַשין, מיט דער פאַבריק קענען זיי זיך ניט ראַנגלען און, פריהער אָדער שפּעטער, מוזען זיי ווערען אַרבייטער. אַרבייטער מוזען אַלץ מעהר פערליערען זייער פרייהייט און אַרויסשטעלען צום פערקויפען זייער אַרבייטס-קראַפט. ווען די אַרבייטער וואָלטען געהאַט האָטש אַלע מאָל אַ בעשטענדיגען געצאָהלט, וואָלטען זיי האָטש געקענט האָפען אַלע מאָל אויף זייער געצאָהלט, וואָלטען זיי נאָך, ווי עס איז, געקענט אַריבערטראָגען אַזאַ לאַגע. אָבער וואָס! עס קומט אויס גראַדע פערקעהרט. דאָס געצאָהלט פון אַרבייטער ווערט אַלץ קלענער און מוז אַלץ קלענער ווערען, און דערפאַר, דער געווינס און די איינקינפטע פונ'ם פאַבריקאַנט ווערען אַלץ גרעסער.

ווייל מען בענוצט זיך אומעטום מיט מאַשינען און די מאַשינען פערקלענערען די פראַצע ביי'ם פערפערטיגען סחורה, דאַרף מען אַלץ וועניגער פראַצע, אום צו מאַכען די אַלע זאַכען, וועלכע דער אַרבייטער ברויכט צו האָבען. אַמאָל האָט זיין העמד געקאָסט 2—3 טעג פראַצע, היינט קאָסט זי איין טאָג פראַצע; אַמאָל האָט אַ ראָק געקענט קאָסטען 10 טעג פראַצע, היינט קאָסט ער דריי טעג. דאַרף

שוין איצט דער אַרבייטער ניט האָרעווען אַזוי פֿיעל אויף זיינע אייגענע ערנעהרונג, ווי אַמאָל. אַמאָל ה... ער געמוזט האָרעווען אַכט שעה, היינט איז איהם גענוג זעקס שעה. אָבער וואָס פֿאַר אַ נחת האָט דערפֿון דער אַרבייטער? אַמאָל פֿלעגט ער פֿון 12 שעה טעגליכער אַרבייט 6 נעהמען פֿאַר זיך, 6 אַוועקגעבען אומזיסט; היינט איז פֿאַר איהם גענוג פֿיער, בלייבען אַלזאָ פֿאַר'ן פֿאַבריקאַנט אַכט שעה. די צוויי שעה, וואָס דער אַרבייטער האָט געוואונען דורך די מאַשינען, וועלען איהם קיין שום נוטצען ניט ברייגען, וואָרום זיי געהען נאָר אויף צו פֿערגרעסערען דעם געווינס פֿון בעל־הבית. אַמאָל האָט 6 שעה געדויערט די פראַצע, וועלכע ער האָט געברויכט פֿאַר זיך, 6 שעה ווידער האָט פֿערנומען די אויסמאַכונג פֿון דעם מעהר־ווערטה, און די מעהרווערטס־מאָס (ד. ה. דער אונטערשיעד צווישען די בעצאָהלטע און ניט בעצאָהלטע פראַצע) איז געווען גלייך—1 (אָדער 100 פראָצענט); היינט געדויערט די פראַצע, וועלכע מען ברויכט פֿון דעם אַרבייטער, 4 שעה, דער מעהרווערטה פֿערנעהמט 8 שעה, און די מעהרווערטס־מאָס איז 2 (אָדער 200 פראָצענט).

מיר ווייסען הייטער, אַז אין אַלע האַנדווערקערייען פֿיהרט מען יעצט אַריין אַלץ מעהר מאַשינען. אויף אַזאַ אופן מוז זיך אַלץ פֿערקלענערען די צייט, וואָס דער אַרבייטער פֿערברויכט אויף זיין ערנעהרונג, און עס מוז זיך אַלץ פֿערגרעסערען די צייט, וואָס ער גיט אַוועק דעם פֿאַבריקאַנט.

איצט זעהען מיר, פֿאַר וואָס די אַרבייטער מוזען ווערען אַלץ אָרימער, און די פֿאַבריקאַנטען אַלץ רייכער.

אַ שענע מעשה, כּלעבען!—קענט איהר מיר ענטפֿערען,— ווי באַלד אַז אַזוי מוז זיין, טאָ ווי קענען מיר האָפֿען, אַז עס וועט אַמאָל אַנדערש זיין?

דערויף וועל איך אייך ענטפֿערען: אין רע בלא טוב, ס'גיבט קיין שלעכטעס אָהנע עטוואָס גוטעס. פֿריהער פֿאַר אַלץ איז גוט דאָס, וואָס די ערנעהרונג פֿון די אַרבייטער קאָסט אַלץ ווענייגער פראַצע. איצט, פֿערשטעהט זיך, איז דאָס נאָר גוט פֿאַר'ן פֿאַבריקאַנט; שפּעטער אָבער וועט די פֿערקלענערונג פֿון די נויטיגע פראַצע זעהר נוצליך זיין פֿאַר יעדען.

און ווייטער מיינט איהר אפֿשר, אַז אַלע פֿאַבריקאַנטען בלייבען רייך? געוויס ניט! די פֿאַבריקאַנטען שטרייטען אויך אונטער

זיך; יעדערער פון זיי זעהט אָנצומאַכען וואָס מעהר סחורה און זוכט וואָס גיכער זיין סחורה צו פערקויפען. דעריבער פערקויפען זיי איי־נער ביליגער פאַר'ן אַנדער'ן. מען פיהרט אַרויס אויף דעם מאַרק סחורה מעהר ווי עס זענען דאָ סוחרים. די מקחים פאַלען. די גרוי־סע פאַבריקאַנטען קענען נאָך אויסהאַלטען דיזע פריַיע קאָנקו־רענץ, אָבער די קלענערע מוזען באַנקראָטירען. דאָס הייסט דאַן אַ „קריזיס אין האַנדעל", און דיזע קריזיסען ווידערהאָלען זיך אַלע עטליכע יאָהר. אין קריזיס־צייַטען מוזען אַסך קליינע פאַבריקאַנטען באַנקראָטירען, און טויזענדער אַרבייטער, וואָס האָבען ביי זיי געאַר־בייט בלייַבען אָהן ברויט און וואָהנונג.

על כן, וואָס וועט דערפון אַרויסקומען?

זעהר פיעל. פאַבריקאַנטען און גבירים ווערען אַליץ וועניגער; אַרבייטער און אָרעמעלייַט — אַליץ מעהרער. די רייַכטהימער קליי־בען זיך צוזאַמען אַליץ ביי אַ קלענערע צאָהל מענשען. די פאַבריק אַרבייטער לערנען און געוואָהנען זיך דערווייַלע צו אַרבייטען גע־מיינשאַפטליך. זיי זעהען קלאָר, ווי גוט עס איז, ווען מען אַרבייט צוזאַמען אין אָרדנונג, ווי פיעל צייַט מען געווינט דערביי און וויפיעל בעסער עס זענען די געמאַכטע זאַכען. זיי פיהלען גוט ווי שלעכט עס איז, ווען אַלע ווערקצייַג געהערען צו איין אייגענטהימער, וואָס ניט נאָר ער האָרעוועט אַליין ניט, נאָר אָפט ווייסט ער אַפילו גאָר ניט ווי מען מאַכט די סחורה, און אָפט גיט ער אַפילו קיין קוק ניט אין פאַבריק.

זאָל נאָר יעדער אַרבייטער בעטראַכטען פאַר וואָס זאָלען מיר טאַקי אַרבייטען פאַר איינעם? מיר זענען אַזוי פיעל — ער איז איי־נער — מיר האָרעווען, און ער רייַסט פון אונז די הויט; מיר וואָלטען געפיהרט די פאַבריקאַציאָן בעסער, מיר וואָלטען ניט געזוכט נאָר געווינס, ניין, מיר וואָלטען זיך געסטאַרעט נאָר אום צו לעבען ווי עס דאַרף צו זייַן. מיר וואָלטען געאַרבייט אויף אַלעמענס נוטצען — דער פאַבריקאַנט האָרעוועט נאָר אויף זייַנע אייגענע נוטצען, און אויף אַלעמענס שאָדען. פאַר וואָס־זשע זאָלען זיך טאַקי ניט צוזאַמענ־רעדען אַלע אַרבייטער? פאַר וואָס זאָל מען ניט אַוועקנעהמען די פאַבריקען און ערד פון אַלע בעלי־בתים?

אַוועקנעהמען? אָבער צו וועט דאָס זייַן אַ יושר? צו וועט דאָס זייַן מיט גערעכטיגקייַט? — וועט איהר מיך פרעגען.

דערויף וועל איך אייך ענטפֿערען, אַז ניט דער בחור איז גע־שאַפֿען פֿאַר די קאַפּאָטע, זאָנדערען די קאַפּאָטע פֿאַר'ן בחור: ניט די מענשען לעבען אום וואָס מעהר סחורה צו מאַכען, זאָנדערען די סחורה איז דאַצו געשאַפֿען עס זאָלען וואָס מעהר מענשען פֿון איהר געניסען. די אַרבייטער מאַכען סחורה און דאַרפֿען פֿון איהר גע־ניסען — און דערצו האָבען זיי נויטיג די ווערקצייג פֿון פֿאַבריקאַנט.

ווען איינער וועט אייך זאָגען, אַז אייגענטהום איז הייליג, אַז צונעהמען טאָר מען ניט, האָט איהר אַ קורצען אָבער גוטען אַנט־וואָרט: „און איהר האָט געמעגט הונדערטער יאָהרען לאַנג, אַלע טאָג, אַלע שעה אונז בעגנב'ענען, טרינקען אונזער שוויים און בלוט? דאָס וואָס מיר נעהמען איז אונזערע. די פֿאַבריקען האָבען מיר מיט אונזערע אייגענע הענ. געמאַכט, די ערד האָבען מיר אַליין בעאַרבייט; דאָס אַלץ האָבען מיר אַליין געשאַפען און עס מוז דאַרום צו אונז געהערען. מיט אונזער פראַצע אַנדערע רייך מאַכען — ווילען מיר ניט מעהר.

איצט בלייבט נאָך איינע, די וויכטיגסטע פֿראַגע:

מיט וואָס פֿאַר אַ מיטלען זאָל מען צונעהמען די פֿאַבריקען און די ערד און ווי אַזוי עס צו דערגרייכען?

דאָס איז שוין אייער געשעפֿט, דעריבער דאַרפֿט איהר אַליין קלערען, עס געהט דאָ וועגען אייער אייגענער זאַך, וועגען אייערע פֿאַמיליען, אייערע ברידער, און אַנ'אייגענעם געשעפֿט דאַרף מען אַליין קענען אויספֿיהרען. געדיינקט נאָר אַלע מאָל, אַז נאָר ווען מען וועט אַלגעמיין בעזיצען די ווערקצייג צו דער אַרבייט, נאָר דאַמאָלס קענען די מענשען גליקליך זיין, קענען זיי לעבען.

און ווען הונדערט אַזעלכע לייט און ביכער, ווי די „זעלבסט הילפֿע“ וועלען אייך זאָגען, אַז אַ מענש קען מיט אייגענע כחות אַלץ דערגרייכען, זאָלט איהר זיי נישט גלויבען.

נאָר צוזאַמענווירקענד קענען די אַרבייטער ער־רייכען זייער גליק.

ביילאגע

פון ג. פלאכאנאוו.

דער ווערט פון יעדען פראדוקט ווערט בעשטימט פון דער מענגע ארבייט, וואס איז אוועקגעגאנגען אויף איהם צו מאכען. מיט דעם זענען איינשטימיג אלע געלעהרטע. נאר א מענש, וואס איז ניט בעקאנט מיט דער וויסענשאפט, קען אזוי טראכטען: — אויב דער ווערט פון יעדען פראדוקט איז אלץ גרעסער, וואס מעהר מען האט געהארעוועט, אום איהם צו מאכען, בכן וועט א שלעכטער און אונפעהיגער שוסטער, וועלכער איז געזעסען ביי זיינע שטיוועל פיעל מעהר, איידער מען דארף, בעקומען פאר זיי ווי א פעהיגער שוסטער, וואס ארבייט גיך און גוט. אבער אזא מיינונג איז פאלש.

די וויסענשאפט רעדט ניט וועגען די איבעריגע צייט און פראצע, וואס א שלעכטער ארבייטער פערלירט ביי דער ארבייט. דיזע איבעריגע פראצע איז ניט קיין נויטיגע פראצע; זי איז פערלוירען געגאנגען גאר אומזיסט נאר דורך דעם, וואס דער ארבייטער קען ניט גוט ארבייטען. די וויסענשאפט האט אין זינען די נויטיגע פראצע, אהן וועלכער מען קען ניט אויסקומען, און דיזע נויטיגע פראצע איז אויך ניט אלע מאל גלייך. יעדערער ווייסט, אז מיט א נעה־מאשין קען מען גיכער נעהען, איידער אהן א מאשין. ביז עס זענען נאך ניט געווען די נעה־מאשינען, האט מען פאר א נויטיגע פראצע אויף אויפצונעהען, צום ביישפיעל, א העמד גערייכענט די מיטלערע פראצע פון א נייטערין, ד. ה. די פראצע ניט פון א בעסטע און ניט פון א ערגסטע נייטערין, וועלכע האט גענעהט מיט א פראסטע נאדעל. אבער ווען מען האט אנגעהויבען צו נעהען אויף נעה־מאשינען, איז די נייטיגע פראצע צו מאכען א העמד געווארען קלענער, ווייל מיט א מאשין קען מען גיכער נעהען. די נייטערין, וועלכע האט ניט קיין מאשין, נעהט א העמד אויך אזוי לאנג, ווי פריהער; אבער איצט וועט שוין א געוויסער טייל פון איהרע ארבייט ניט רעכענען זיך פאר נויטיגע פראצע. וואס פאר א טייל? לאמיר זעהען. אויב מיט דער מאשין וועט מען אין 3 מאל גיכער נע־

העֶן, ווי אָהן אַ מאַשין, איז נאָר דער 3־טער טייל פּראַצע פֿון אונזער נייטעריין נויטיגע פּראַצע. לאָמיר זיך פֿאָרשטעלען, אַז זי האָט גענעהט די העמד 6 שעה און מיט דער מאַשין וואָלט מען געקענט פֿאַרטיג מאַכען אין 2 שעה. דאַן איז 6 שעה אַרבייט פֿון אונזער נייטעריין גלייך נאָר 2 שעה נויטיגע פּראַצע. און דעריבער טאַקע מאַכען די מאַשינען אונגליקליך די האַנדווערקער, וועלכע אַרבייטען מיט אייַנפֿאַכע האַנד־אינסטרומענטען.

אָבער דאָס איז נאָך ניט אַלץ. אַז מיין אַרבייט זאָל זיין אַ נויטיגע פּראַצע, דאַרף מען, אַז די פּראָדוקטען, וועלכע איך האָב געמאַכט זאָלען זיין נויטיג פֿאַר די געזעלשאַפֿט, אַז אויף זיי זאָל זיין אַ נאָכפֿראַגע, ווי די געלעהרטע זאָגען. לאָמיר צ״ב נעהמען די וועבעריי. לייַנוואַנד און אַנדערע געוועבען זענען, נאַטירליך, זעהר נויטיג פֿאַר די מענשען; דאָס איז אַזאַ פּראָדוקט, אַז אַפֿילו ווילדע מענשען קענען אָהן איהם ניט אויסקומען. דעריבער איז אויף לייַנוואַנד דאָ אַ נאָכפֿראַגע; די אַרבייט פֿון אַ וועבער איז אַ נויטיגע פּראַצע. אבער אויך דאָ בעשטעהט די זאַך אין דעם, צו דער וועבער אַרבייט אויף אַ מאַשין אָדער אויף אַ האַנד־וועבשטוהל. איצט רעכענט זיך פֿאַר נויטיגע פּראַצע פֿון אַ וועבער נאָר יענע אַרבייט, וואָס מען דאַרף צו וועבען מיט אַ מאַשין. יענע איבעריגע פּראַצע, וואָס געהט אַוועק, ווען מען וועבט מיט'ן האַנד־שטוהל, רעכענט זיך שוין ניט פֿאַר נויטיגע פּראַצע. און דעריבער טאַקי לייַדען אַזוי שרעקליך אונזערע וועבער, וואָס אַרבייטען ביי זיך אין דער הײם.

אָבער לאָמיר זיך פֿאָרשטעלען, אַז מען האָט געדאַרפֿט האָבען 10 טויזענד שטיק לייַנוואַנד, און אויסגעאַרבייט האָט מען 20 טויזענד. מען האָט אַלזאָ אויסגעאַרבייט 2 מאָל מעהר, ווי פֿיעל מען דאַרף. די איבעריגע פּראַצע איז ניט אַ נויטיגע פּראַצע. אויב אַ העלפֿט פֿון אַלע אויסגעאַרבייטע שטיק לייַנוואַנד איז ניט נויטיג, איז אויך די פּראַצע, וואָס איז אַוועק אויף צו מאַכען דיזע העלפֿט, אַן איבעריגע פּראַצע און גאָר ניט קיין נויטיגע. אויב די מענשען, וועלכע האָבען אויסגעאַרבייט די לייַנוואַנד, וועלען אָנהויבען צו פֿערקויפֿען די לייַנוואַנד אַלע מיט אַ מאָל וועט דער ווערט פֿון די לייַנוואַנד זיין 2 מאָל קלענער, ווי ער וואָלט געדאַרפֿט זיין. יעדער פֿון זיי וועט האָבען אַ היזק. יעדער פֿון זיי וועט זעהען, אַז אַ העלפֿט פֿון זיין צייט האָט ער פֿערלאָרען אומזיסט, און זיין פּראַצע איז נאָר

אויף אַ העלפֿט געווען אַ נויטיגע. אויב אַ העלפֿט פֿון די מענשען, וואָס האָבען געמאַכט די ליינוואַנד, וועלען איהר אַרויסטראָגען אויפ'ן מאַרק פֿריהער איידער די אַנדערע העלפֿט וועט ברענגען, וועט זיי פֿיליכט זיך איינגעבען צו פֿערקויפֿען נאָך דער פּראַצע נאָך, וועלכע זיי האָבען אַוועקגעלעגט איהר צו מאַכען. אָבער דאַן וועט די אַנדערע העלפֿט מענשען, וועלכע האָבען געמאַכט די ליינוואַנד, גאָר ניט געפֿינען קיין קויפֿער, זייער פּראַצע וועט זיין אין גאַנצען אַני־איבעריגע, דאָס בעדייט, אַז דער ווערט פֿון זייער ליינוואַנד וועט זיין גלייך נול, ווייל אויף צו מאַכען די ליינוואַנד איז גאָר ניט אַוועק־געגאַנגען קיין נויטיגע פּראַצע. אָבער זיי קען אַביסעל ראַטעווען די ביליגקייט פֿון זייערע סחורות. און אָט אַזוי:

זעהענדיג, אַז עס איז ניטאָ קיין נאַכפֿראַגע אויף זייער ליינוואַנד, וועלען זיי זוכען יעדע מעגליכקייט צו געפֿינען פֿאַר איהר אַ קויפֿער און דעריבער מעהר און מעהר פֿערקלענערען דעם פּרייז. אַסך מענשען, וועלכע צוליעב אָרעמקייט האָבען ניט געקענט קויפֿען די ליינוואַנד, ווען מען פֿלעגט איהר פֿערקויפֿען נאָך דעם ווירקליכען פּרייז, וועלען דאַן קויפֿען איהר זעהר ביליג. אויסער דעם וועלען איינינגע רייכע מענשען קויפֿען איהר אויף זאַפּאַס, ווייל עס וועט זיי געפֿעלען די ביליגקייט פֿון דער סחורה. די פֿערקויפֿערס פֿון ליינוואַנד וואָס זענען געקומען אויפ'ן מאַרק צו שפּעט, וועלען אַלזאָ האָטש עטוואָס צוריקבעקומען פֿון די אויסגאַבען, וועלכע זיי האָבען געהאַט ביי דער פֿאַבריקאַציאָן פֿון ליינוואַנד, אָבער אַ הזק און אַ גרויסען הזק וועלען זיי געוויס האָבען.

אָבער ווער האָט דאָס אַ לוסט צו אַרבייטען אויף היזק, אָדער אומזיסט? זעהענדיג, אַז די נאָכפֿראַגע אויף ליינוואַנד איז געפֿאַלען, וועלען די מענשען, וואָס מאַכען ליינוואַנד, אויסאַרבייטען פֿיעל ווייניגער. דאַן וועט דער פּרייז אָנהייבען צו שטייגען. אויב מען וועט דאָס מאָל אויסאַרבייטען אַזוי פֿיעל ליינוואַנד, ווי פֿיעל מען דאַרף, אַזוי וועט די גאַנצע פּראַצע, וואָס געהט אַוועק איהר צו מאַכען, זיין אַ נויטיגע פּראַצע. אויב מען וועט אויסאַרבייטען ווייניגער ליינוואַנד, איידער מען פֿאָדערט, וועט דער פּרייז וואַקסען נאָך מעהר און די פּראָדוציר ער (ד. ה. די וואָס מאַכען די סחורה) וועלען בעקומען מעהר, ווי זיי וואָלטען געדאַרפֿט בעקומען. אָנשטאָט הזק וועלען זיי דאַן האָבען גרויסע געווינסען. אָבער אויף גרויסע געווינסען זענען

דאָ פֿיעל בעלנים. עס וועלען זיך בעוויזען נייע פּראָדוצירער פֿון לײַנוואַנד; זיי וועלען אויך אַרויספֿיהרען זייער סחורה אויפֿ'ן מאַרק. דאַן וועט דער פּרייז וויעדער פֿאַלען א. ז. וו. אָט דיזע בײַטעניש אין דעם פּרייז פֿון לײַנוואַנד ברײַנגט דערצו, אַז אויב מיר וועלען נעהמען ניט איין יאָהר און ניט איין צופֿאַל, אָבער פֿיעל יאָהרען און פֿיעל צופֿעלע, וועלען מיר זעהען, אַז דער ווערט פֿון לײַנוואַנד ווערט בעשטימט דורך די מענגע פּראַצע, וואָס געהט אַוועק איהר צו מאַכען.

דאָס זעלבע קען מען זאָגען וועגען יעדען אַ־דערן פּראָדוקט.

מען דאַרף נאָר געדענקען, אַז אונטער דער מענגע פּראַצע, וואָס איז נויטיג צו מאַכען וואָס עס איז פֿאַר אַ פּראָדוקט, טאָר מען ניט פֿערשטעהן די פּראַצע און אַנ'אַרבייטער פֿון איין פֿאַך, פֿון איין האַנדוועֶרק. אין אַ שלאָס געפֿינט זיך די פּראַצע ניט נאָר פֿון אַ שלאָסער, נאָר אויך פֿון בערג אַרבייטער, וואָס גראָבען פֿון דער ערד אײַזען, פֿון אַרבייטער אויף אײַזען־פֿאַבריקען, פֿון פֿוהרמאַנעס א. ז. וו. אַלע דיזע אַרבייטער האָבען געהאָלפֿען צו מאַכען אויב ניט דעם שלאָס אַלײַן, האָטש דעם מאַטעריאַל פֿאַר איהם. דעריבער דאַרפֿ'ן מיר אײַנרעכענען די פּראַצע פֿון די אַלע אַרבייטער, ווען מיר ווילען בע־שטימען דעם ווערט פֿון שלאָס.

דאָס זעלבע איז מיט דעם נעהען.

די נעה־מאַשינע איז געמאַכט דורך די פּראַצע פֿון אַרבייטער. דעריבער האָט זי אויך אַ ווערט. דיזער ווערט ווערט קלענער ווען מען בענוצט די מאַשין; אַ געברויכטע מאַשין איז אַלע מאָל ביליגער ווי אַ נייע. אָבער דער ווערט, וואָס די נייע מאַשין האָט פֿערלאָרען איז אַריבער געגאַנגען אויף די זאַכען, וואָס מען האָט אויף איהר גע־נעהט. און דאָס פֿערשטעהט זיך. אין אַ העמד, וואָס מען האָט אויפֿ־גענעהט מיט דער מאַשין, איז אויך דאָ די פּראַצע פֿון אַרבייטער, וועלכע האָבען געמאַכט די מאַשין. און אויב מיר וועלען ריכטיג רעדען, מוזען מיר זאָגען, אַז 6 שטונדען פּראַצע פֿון אַ נייטערין, וואָס האָט גענעהט אָהן אַ מאַשין, איז ניט גלײַך — ווי מיר האָבען פֿריהער גע־זאָגט — 2 שטונדען אַרבייט. אַרבייטענדיג אָהן אַ מאַשין, טראַגט זי ניט אַריבער אויף די אויפֿגענעהטע העמד דעם ווערט, וועלכען די מאַשינע פֿערלירט ווען זי אַרבייט. דעריבער, האָטש זי נעהט 3

מאָל לאַנגזאַמער, איידער זי וואָלט גענעהט מיט אַ מאַשין, אָבער 6 שטונדען פון איהרע פראַצע איז גלייך ניט 2 שעה, נאָר, צום ביי שפּיעל, 2 אַ פיערטעל אָדער 2 אַ האַלב שעה נויטיגע אַרבייט. עס איז לייכט צו פערשטעהען, אַז דיזער קליינער אונטערשיעד וועט ניט פערבעסערען איהר עלענדע לאַגע, וואָס איז אַרויסגעקומען פון דעם אַריינפיהרען מאַשינען.